ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# מכות

בלשון הקודש ואידיש

**224**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת מכות

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת מכות

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש״ס, וציוני המקראות בתנ״ך, והגהות הב״ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
**נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

(דף ב ע"ב) **א אמר** עולא רמז לעדים זוממין שלוקין מן התורה מנין דכתיב (דברים כה) והצדיקו את הצדיק והרשיעו את הרשע והיה אם בן הכות הרשע משום שהצדיקו את הצדיק והרשיעו את הרשע והיה אם בן הכות הרשע אלא עדים שהרשיעו את הצדיק ואתו עדים אחריני והצדיקו את הצדיק דמעיקרא ושוינהו להני רשעים והיה אם בן הכות הרשע. ותיפוק ליה (שמות כ) מלא תענה משום דהוי לאו שאין בו מעשה וכל לאו שאין בו מעשה

רמז לעדים זוממין שלוקין. כגון עדי בן גרושה או עדי גלות שפטרן הכתוב מדין הזמה מנין שהן לוקין ולקמן פריך תיפוק ליה מלא תענה: משום שהצדיקו את הצדיק. בתמיה אי והצדיקו והרשיעו בדיינין קאמר וצדיק ורשע בבעלי דינין למה לי והצדיקו את הצדיק וגו' לכתוב כי יהיה ריב בין אנשים ונגשו אל המשפט ושפטום והיה אם בן הכות הרשע וגו' למה הוזכרה כאן צדקה לצדיק וכי כל מקום שהצדיקו בית דין את הזכאי ותיתו את החייב איכא מלקות דהתא קרא למיתני מלקות בוהצדיקו והרשיעו אלא ע"כ בעדים משתעי קרא עדים שקרים שהרשיעו צדיק ובאו אחרים והזימום והצדיקו את הנדון שהוא צדיק והרשיעו את העדים הרשעים והיה אם בן הכות הרשע אם הזמה זו בת מלקות הוא שהיכן יכול לקיים בהן דין הזמה גמורה כגון עדי גלות והפילו השופט והכהו לפניו: ותיפוק לי' מלא תענה. כל עונשי לאוין בני מלקות הן אלא במקום שפי' לך בו עונש

# פרק ראשון

**א** אמר. עולא האט גיזאגט ווא שטייט אין דער תורה אז מען זאל עדים זוממין שלאגין מלקות. למשל צוויא עדות האבין גיזאגט פאר בית דין אויף א כהן אז ער איז א זוהן פון א גיגרשטע ווייב. זיין מוטער האט גיהאט א מאן און מיר האבען אליין גיזעהן וויא דער מאן האט איהר גיגעט אין דער שטאט אין דעם טאג און זיא האט גינומען איין אנדער מאן א כהן און זיא האט גיהאט א זוהן פון דעם כהן. און דאס איז דער זוהן. איז ער א זוהן פון א גרושה איז ער פסול צוא זיין א כהן. דער נאך זענען גיקומען אנדערע צוויא עדות און האבין גיזאגט צוא דיא ערשטע עדות וויא אזוי קענט איהר זאגין אז איהר האט אליין גיזעהן זיין מוטער גט וואס איז גיוועזין אין דער שטאט און אין דעם טאג. אין דעם טאג זענט איהר דאך גאר גיוועזין מיט אונז אין איין אנדער שטאט. אדער צוויא עדות זענען גיקומען פאר בית דין און האבין גיזאגט מיר האבין גיזעהן וויא זונטאג פריא האט ראובן גיהרגת זיין חבר שמעון אומגערין אויף דעם ארט. דר נאך זענען גיקומען אנדערע צוויי עדות און האבין גיזאגט צו דיא ערשטע צוויא עדות וויא אזוי קענט איר זאגין אז איר האט גיזעהן זונטאג פריא האט ראובן גיהרגת זיין חבר שמעון אומגערין אויף דעם ארט. זונטאג פריא זענט איר דאך גאר גיוועזין מיט אונז אין איין אנדער ארט. איז דער דין ביא דיא ביידע זאכין אז מען דארף דיא ערשטע עדות שלאגין מלקות און זייא ווערין גירופין עדים זוממין (עדות וואס זענען ליגנערס). ווא שטייט דאס דער דין אין דער תורה אז מען זאל דיא ערשטע עדות שלאגין מלקות. ווארום עס שטייט אין פסוק והצדיקו את הצדיק והרשיעו את הרשע והיה אם בן הכות הרשע. מיר קענען ניט זאגין אז דער פסוק שמועסט פון בית דין מיט דיא מענטשין וואס זענען גיקומען פאר בית דין. און דער פסוק זאגט אז צוויא מענטשין האבין צווישען זיך א קריג און זיי זענען גיקומען פאר בית דין און בית דין האט גירעכט גימאכט דעם צדיק און בשולדיגט דעם רשע. זאגט דיא תורה אז בית דין מעגין דעם רשע שלאגין מלקות. פאר וואס. צוא ווייל דער צדיק איז גירעכט און דער רשע איז פאר שולדיגט. דריבער זאל מען דעם רשע שלאגין מלקות. צוא דען אויף יעדער זאך שלאגט מען מלקות. נאר אזוי מיינט דער פסוק אויב עדות האבין בשולדיגט דעם צדיק אזוי וויא פריער שטייט זייא האבין גיזאגט אויף א כהן ער איז פסול. אדער אויף ראובן ער האט גיהרגת א מענטשין. דער נאך זענען גיקומען אנדערע עדות און האבין גירעכט גימאכט דעם כהן אדער ראובן. און זייא זענען גיווארין ביא בית דין צדיקים וויא זייא זענען פריער גיוועזין. און דיא אנדערע עדות זאגין אז דיא ערשטע עדות זענען רשעים. אויב בית דין וועלין פאר שטיין אז מען דארף דיא ערשטע עדות שלאגין מלקות. מעג בית דין פסקנן מען זאל זייא שלאגין מלקות. פרעגט דיא גמרא אז דיא ערשטע עדות קומט מלקות דאס ווייסען מיר דאך פון דעם פסוק לא תענה ברעך עד שקר. דו זאלסט ניט זאגין אויף דיין חבר פאלשע

עדות

עונש ובאן שאין יכול לענשו עונש הכתוב נכס ילקו : [שבוא כוו . פקרוי שנה] :

מעשה אין לוקין עליו :

(דף ג ע"ב) **ב** א"ל שמואל לרב מתנה לא תיתיב על כרעך עד (דאמרת)

[דמפרשת] לה להא שמעתא מנא הא מלתא דאמרי רבנן המלוה את חברו סתם אינו רשאי לתובעו פחות מל' יום אחד המלוה בשטר ואחד המלוה על פה א"ל שנאמר (דברים טו) קרבה שנת השבע שנת השמטה כמשמע שנאמר שנת השבע איני יודע שהיא שנת השמטה אלא מה ת"ל שנת השמטה לומר לך יש לך שמטה אחרת שהיא כזו ואיזו זו המלוה את חברו סתם שאינו רשאי לתובעו פחות משלשים יום דאמר מר ל' יום בשנה חשובים שנה :

(דף ס ע"ב) **ג משנה** (דברים יז) על פי שנים עדים או שלשה עדים אם יתקיים עדות בשנים למה פרט לך הכתוב בשלשה אלא להק"ש שלשה לשנים מה ג' מזימין את השנים אף השנים יזימו את הג' ומנין אפילו מאה ת"ל עדים ר"ש

---

עדות . אונ אז זייא זאגן יא פאלשע עדות האבען זייא דאך עובר געווען אויף אלאו . אונ אלע מענטשין וואס זענען עובר אויף אלאו קומט זייא מלקות . ענטפערט דיא גמרא אויף דעם לאו לא תענה ברעך וואלט זייא ניט גיקומען קיין מלקות . ווארום מלקות קומט נאר אז מען איז עובר אויף אזוי אלאו וואס דיא עבירה ווערט גיטאהן . למשל מען עסט חזיר אדער טרפות . אבער אויף דעם לאו וואס ווערט ניט גיטאהן . קומט ניט קיין מלקות . אונ פאלשע עדות טוהען דאך אויך גאר ניט . זייא רייזן נאר . אונ אויף רייזן קומט ניט קיין מלקות . דריבער וואלטין מיר מיינען אז דיא פאלשע עדות פון דעם כהן אדער פון דעם וואס הט גיהרגת אמענטשין אומגערין . זאל מען אויך ניט שלאגן מלקות . דריבער כוזן מיר אפ לערנען פון אם בן הכות הרשע אז מען דארף זייא שלאגן מלקות :

**ב** אמר . שמואל האט גזאגט צו רב מתנה דוא זאלסט דיך ניט זעצין אויף דיינע פיס ביז דוא וועסט מיר זאגן דעם דין . פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס דיא רבנן האבען גזאגט אז איינער פאר בארגט געלט צו זיין חבר אונ ער זאגט ניט אויף וויא לאנג ער פאר בארגט איהם . טאר ער איהם ניט מאנען דאס געלט פאר דרייסיג טאג . סיי ער האט איהם פאר בארגט אויף אוועקסיל אונ סיי ער האט אים פאר בארגט אוים ווייניג . האט רב מתנה גזאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק עס האט גינענט דער זיבעטער יאהר דער יאהר וואס איז שמטה . איז דאך אקשיא אז עס שטייט דער זיבעטער יאהר ווייסען מיר דאך אז דער יאהר איז שמטה . צו וואס שטייט איין זאך צווייא מאהל דער זיבעטער יאהר דער יאהר וואס איז שמטה . דארף דאך נאר שטיין עס האט גינענט דער זיבעטער יאהר . אונ דיא ווערטער דער יאהר וואס איז שמטה איז איבעריג . נאר דער פסוק זאגט עס איז דא נאך אשמטה וואס איז ניט דעם זיבעטין יאהר אונ עס איז אויך שמטה אזוי וויא דעם זיבעטין יאהר . דאס איז אז איינער פאר בארגט געלט צו זיין חבר . אונ ער זאגט ניט אויף וויא לאנג ער פאר בארגט איהם . טאר ער ניט מאנען דאס געלט פאר דרייסיג טאג . איז דיא דרייסיג טעג אויך שמטה אזוי וויא דער זיבעטער יאהר . נאר עס שטייט דאך אבער שנת השמטה . דער יאהר שמטה . אונ דיא שמטה איז דאך נאר דרייסיג טעג . דער תנא האט גזאגט דרייסיג טעג אין יאהר ווערט גירעכנט איאהר .

**ג** משנה על פי . אין דער תורה שטייט . דורך צווייא עדות אדער דורך דרייא עדות זאל מען הרגנן דעם מענטש פרעגט דיא משנה אויב עס איז גינוג צווייא עדות . צו וואס האט דער פסוק גזאגט דרייא עדות . נאר מען זאל גלייכען דרייא עדות צו צווייא עדות . אזוי וויא אז דרייא עדות מאכען צווייא עדות פאר ליגנער . גלויבט מען דאך דיא דרייא עדות . וויל זייא זענען

ר"ש אומר מה שנים אינם נהרגים עד שיהיו שניהם זוממין אף ג' אינם נהרגים עד שיהיו שלשתן זוממין ומנין אפילו מאה ת"ל עדים ר"ע אומר לא בא השלישי להקל אלא להחמיר עליו לעשות דינו כיוצא באלו א"כ ענש הכתוב לנטפל לעוברי עבירה כעוברי עבירה עאכ"ו שישלם שכר טוב לנטפל לעושי מצוה כעושי מצוה:

(דף ז) ד **משנה** סנהדרין ההורגת אחת בשבוע נקראת חבלנית רבי אלעזר בן עזריה אומר אחת לשבעים שנה. ר' טרפון ור"ע אומרים אילו היינו בסנהדרין לא נהרג אדם מעולם. רבן שמעון בן גמליאל אומר אף הם היו מרבים שופכי דמים בישראל:

ר"ע אומר לא בא השלישי כו'. לא הוצרך ללמדנו זאת דממילא ידעינן שאם מזימין את השלשה שהרי השנים כשרים לכל עדות וממילא ידעינן שאין זוממין עד שיזומו כולם שהרי כולם כאחד נעשו עדים וקרא כתיב והנה עד שקר העד: לא בא להקל אלא להחמיר עליו. שלא תאמר הואיל ובלא הוא היתה עדות מתקיימת לא יעשו בו דין זומם למדך הכתוב שאף הוא היה מן המקיימי' דבר: עאכ"ו. שמצינו מדה טובה מרובה ממדת פורענות במדה טובה הוא אומר נוצר חסד לאלפים ובמדת פורענות הוא אומר על שלשים ועל רבעים ע"כ:

הזורק

---

מער. אזוי אויב צוויי עדות זאגן אויף דריי עדות אז זייא זענען ליגנער. גלויבט מען די צוויי עדות. און פון וואנעט ווייסען מיר אז צוויי עדות קענען מאכען פאר ליגנער אפילו הונדערט עדות וואס זענען געקומען מיט איין מאהל עדות זאגין: לערנט אונז דער פסוק מיט דעם ווארט עדים: וויא פיל עדות עס זענען דא זענען זייא גלייך גאר וויא צוויי עדות. רבי שמעון זאגט אזוי וויא צוויי עדות ווערין אנדערש ניט געהרגת ביז מען זאל זאגן אויף ביידע אז זייא זענען ליגנער. אבער אז מען זאגט נאר אויף איינעם. הרגת מען ביידע עדות ניט. אזוי אויב דרייא עדות זענען געקומען צו זאמען עדות זאגן אויף ראובן אז ער האט געהרגת א מענטשין. דער נאך האט מען זייא געמאכט פאר ליגנער ווערין זייא אנדערש ניט געהרגת ביז מען זאל מאכען אלע דריי פאר ליגנער. אויב מען האט געמאכט אלע דרייא פאר ליגנער. ווערין אלע דריי געהרגת. אבער אז מען האט נאר געמאכט פאר ליגנער צווייא פון זייא: ניט אלע דרייא. הרגת מען קיינעם ניט. און פון וואנען ווייסען מיר אז אפילו הונדערט עדות זענען געקומען מיט איין מאהל עדות זאגן אז ראובן האט געהרגת א מענטש דער נאך האט מען זייא געמאכט פאר ליגנער ווערין זייא אנדערש ניט געהרגת ביז מען זאל מאכען אלע הונדערט פר ליגנער. לערנט אונז דער פסוק מיט דעם ווארט עדים וויא פיל עדות עס זענען דא זענען זייא גלייך גאר וויא צוויי עדות. רבי עקיבא זאגט צווייא עדות איז דאך אויך גינוג צו וואס איז געקומען דער דריטער. דער דריטער עדות איז ניט מער געקומען, נאר מען זאל אויף איהם שווער מאכען. מען זאל מאכען זיין דין גלייך מיט דעם דין פון דיא צווייא עדות. אויב אנדערע צוויי עדות זענען געקומען און האבען געמאכט דיא אלע דרייא עדות פאר ליגנער. ווערט דער דריטער עדות אויך געשטראפט גלייך מיט דיא צווייא. און אויב דיא תורה שטראפט דעם מענטש וואס איז בהעפט געווארן צו דיא מענטשין וואס טוהען עבירות: גלייך וויא די מענטשין וואס טוהען די עבירה. איז שוין געוויס אז גאט וועט בצאהלען גוטס דעם מענטש וואס איז בהעפט געווארן צו די וואס טוהען מצות. גלייך וויא דיא וואס טוהען די מצוה:

ד משנה. סנהדרין. דיא דיינים וואס הרגען א מענטשין איין מאהל אין זיבען יאהר. ווערט זייא גירופען אפאר דארבערין. זייא הרגת מענטשין. רבי אלעזר בן עזריה זאגט דיא דיינים וואס הרגען א מענטשין איין מאהל אין זיבעציג יאהר: ווערט זייא גירופען אפאר דארבערין זייא הרגת מענטשין. רבי טרפון און רבי עקיבא זאגען ווען מיר וואלטין גיוועזן צווישען דיא סנהדרין. וואלט מען קיין מאהל ניט געהרגת קיין מענטש. רבן שמעון בן גמליאל זאגט דאס וואלט גאר ניט גיוועזן קיין טובה. ווארום עס וואלט גיוועזן פיל רוצחים. ווייל זייא וואלטין גיזעהן אז מען הרגת קיינעם ניט. וואלטין זייא ניט מורא גיהאט. און וואלטין פאר גאסען פיל בלוט ביי יודין:

# אלו הן הגולין פרק שני

(דף ח) **א משנה** הזורק אבן לרשות הרבים והרג הרי זה גולה וכו' זרק את האבן לחצרו והרג אם יש רשות לניזק ליכנס לשם גולה שנאמר (דברים יט) ואשר יבא את רעהו ביער לחטוב עצים מה יער רשות לניזק ולמזיק ליכנס לשם אף כל רשות לניזק ולמזיק להכנס לשם יצא חצר בעל הבית שאין רשות לניזק ליכנס לשם. אבא שאול אומר מה חטבת עצים רשות אף כל רשות יצא האב המכה את בנו והרב הרודה את תלמידו ושליח ב"ד כו':

**ב גמ'** א"ל ההוא מרבנן לרבא ממאי דמהטבת עצים דרשות דלמא מהטבת עצים דסוכה ומהטבת

עצים

**פירוש**

[הגולים לפי שהיה להם לבקש לו זכות כדי נפטרו שאין אחר מוצא מי שמחייב מיתה אחד לשבעים שנים ויתקיימו בו כל הכנסי חייבי מיתות וכסנהדרין שהרגה אחת בשבוע בידוע שאין נקיאים בדיני נפשות אי נמי לא שמו לבם לחפש אחר זכותו של נדון כראוי לפיכך נקראת חבלנית : לא נהרג אדם מעולם . מתוך שהיינו מרבים לבדוק את העדים בדברים שאין יכולין לעמוד בהם ודייקינן עלה היכי הוו עבדי ופשטינן דאמרינן ראיתם טרפה הרג או שלם הרג כלומר שלום בדקתם אותו לאחר מיתה לראות אם יש בו אחד מסימני טרפה אם לא ואם המצא לומר בדקתם אותו ונמצא שלם דלמא במקום סייף נקב היה מתחלה וגם (בבועל את הערוה אמרינן ראיתם שהכניס כמכחול בשפופרת דבר שאין דרך העדים להסתכל בו ואין הדין כן אלא מבירוהו כדרך המנאפים : אף הם מרבים שופכי דמים . שלא יראו מורא דין ] :

[האב המכה את בנו . להביאו לדרך הישרה : ושליח ב"ד . המלקה ארבעים לחייב מלקות :

## פרק שני

**א** משנה . הזורק . אז איינער האט געווארפען אשטיין אויף דיא מיטט וואס ליגט אין גאס . אונ ער האט גיהרגת אמענטש וואס ער איז געשטאנען אויף דעם מיטט . דארף ער פאר טריבען ווערין . רבי אליעזר בן יעקב זאגט אויב ווען ער האט געווארפען דעם שטיין איז קיינער ניט געוועזען אויף דעם מיטט . נאר וויא דער שטיין איז ארויס פון זיין האנט האט אמענטש ארויס גישטעקט זיין קאפ אויף דעם מיטט אונ האט צו גענומען דעם שטיין אין קאפ אונ איז גיהרגת געווארין דארף ער ניט פאר טריבען ווערין . אויב ער האט געווארפען אשטיין אין זיין הויף אונ האט גיהרגת אמענטש , אויב דער גיהרגעטער האט גימעגט אריין גיין אין דעם הויף . דארף ער פאר טריבען ווערין . אונ אויב ער האט ניט גימעגט אריין גיין . דארף ער ניט פאר טריבען ווערין . ווארום עס שטייט אין פסוק אז איינער וועט קומען מיט זיין חבר אין וואלד צו האקין האלץ . אזוי וויא אוואלד מעג דארטין אריין גיין דער ניזק וואס איז גיהרגת געווארין ; אונ דער מזיק וואס האט גיהרגת . דארף פאר טריבען ווערין דער מזיק וואס האט גיהרגת . אזוי יעדער ארט וואס דארט האט גימעגט אריין גיין דער וואס איז גיהרגת געווארין אונ דער וואס האט גיהרגת . דארף אויך פאר טריבען ווערין דער וואס האט גיהרגת . אבער אהויף וואס גיהער צו אבעל הבית . אונ דער בעל הבית האט געווארפען אשטיין אין זיין הויף אונ האט גיהרגת אמענטש . וואס דער גיהרגעטער האט ניט גימעגט אריין גיין אין דעם הויף . דארף ניט דער בעל הבית פאר טריבען ווערין . אבא שאול זאגט אזוי וויא האלץ האקין איז דאך ניט קיין מצוה , נאר אויב דער מענטש וויל האקט ער . אונ אז ער האט גיהאקט האלץ אונ אשטיק האלץ איז אפ גישפרונגען אונ האט גיהרגת אמענטשין . דארף ער פאר טריבען ווערין . אזוי יעדער זאך וואס אמענטש טוהט מיט זיין איינענעם ווילען אונ דער פון ווערט גיהרגת אמענטש אומגעבראכט . דארף ער פאר טריבען ווערין . אבער אז אפאטער האט גישלאגען זיין זוהן ער זאל גיין אין גוטען וועג . ער זאל ווערין לערנען תורה אדער טאהן אמלאכה . אדער ארבי האט גישלאגען זיין תלמיד ער זאל לערנען תורה . אדער דער שמש פון בית דין האט איינעם גישלאגען מלקות . ביי דיא אלע דריי מענטשין אויב דער זוהן אדער דער תלמיד אדער דער וואס מען האט איהם גישלאגען מלקות . זענען גישטארבען פון דעם שלאגען . דארף ניט דער פאטער אדער דער רבי אדער דער שמש פון בית דין פאר טריבען ווערין :

**ב** גמרא אמר . איינער פון דיא רבנן האט גזאגט צו רבא פון וואנען ווייסטו אז דיא

תורה

עצים דמערכה ואפ"ה אמר רחמנא ליגלי א"ל כיון דאם מצא חטוב לאו מצוה השתא נמי לאו מצוה. איתיביה רבינא לרבא יצא האב המכה את בנו והרב הרודה את תלמידו ושליח ב"ד ואמאי לימא כיון דאילו גמיר לאו מצוה ה"נ לאו מצוה התם אף ע"ג דגמיר מצוה דכתיב (משלי כט) יסר בנך ויניחך ויתן מעדנים לנפשך

הכא נמי . כי לא מלא העושה אין התכבה מלוק אלא עשיית הסוכה] : לאו מצוה . להכותו :

(דף ט ע"ב) (בראשית כ) ג ועתה השב אשת האיש כי נביא הוא אשת נביא הוא דבעי אהדורי וכו' :

ד ת"ר שלש ערים הבדיל משה בעבר הירדן וכנגדן הבדיל יהושע בארץ כנען ומכוונות

---

תורה שמועסט ער איז גיקומען אין וואלד האקין האלץ פון זיינעט וועגין וואס אז ער וויל האקט ער יא אונ אז ער וויל האקט ער ניט. טאמער שמועסט ער איז גיקומען האקין האלץ צוא מאכען א סוכה. אדער ער איז גיקומען האקין האלץ צום מזבח. וואס דאס האקין איז א מצוה. אונ פון דיא האלץ איז אפ גישפרונגען א שטיק האלץ אונ עס האט גיהרגת א מענטשין. פון דעסטוועגין זאגט דיא תורה ער זאל פאר טריבען ווערין. האט רבא גזאגט וויל אז איינער האט ביא זיך האלץ וואס מען האט זייא ניט גיהאקט פון וועגין א סוכה אדער מען האט זייא ניט גיהאקט פון וועגין מזבח. מעג מען אויך פון דיא האלץ מאכען א סוכה אדער פאר ברענען אויף דעם מזבח. אונ ער דארף ניט גיין האקין האלץ פון וועגין דער סוכה אדער פון וועגין דעם מזבח. איז דאך דאס האקין האלץ צו א סוכה אדער צום מזבח ניט קיין מצוה. דיא מצוה איז נאר דאס מאכען דיא סוכה אדער דאס פאר ברענען דיא האלץ אויף דעם מזבח. דריבער אפילו ער האט ניט קיין גיהאקטע האלץ אונ ער האקט האלץ פון וועגין א סוכה אדער פון וועגין דעם מזבח. איז אויך דאס האקין ניט גירעכינט פאר א מצוה. האט רבינא גיפרעגט ביא רבא אין דער משנה שטייט אז א פאטער שלאגט זיין קינד ער זאל גיין אין גוטען וועג. אדער א רבי שלאגט זיין תלמיד ער זאל וועלין לערנען. אדער א שמש פון בית דין שלאגט מלקות. אונ דער קינד אדער דער תלמיד אדער דער וואס מען האט איהם גישלאגן דיא מלקות זענען גישטארבען: ווערט ניט פאר טריבען ניט דער פאטער אונ ניט דער רבי אונ ניט דער שמש. וויל זייא האבען גיטאהן א מצוה מיט דעם שלאגן. פאר וואס איז דער שלאגן א מצוה. מיר דארפן דאך דא אויך אזוי זאגן. וויל אז דער קינד וואלט גיגאנגען אין גוטען וועג אונ דער תלמיד וואלט גילערנט אונ דער מענטש וואלט ניט גיזינדיגט וואלט דאך דעם פאטערס שלאגען אדער דעם רבים שלאגן אדער דעם שמש שלאגן ניט גיוועזען א מצוה. דריבער אפילו דער זוהן גייט ניט אין גוטען וועג אונ דער תלמיד לערנט ניט אונ דער מענטש האט יא גיזינדיגט. דארף אויך דאס שלאגן ניט הייסען א מצוה אזוי וויא מיר זאגען ביי סוכה אונ ביי מזבח. ענטפערט דיא גמרא דארט איז דם שלאגן אייביג א מצוה. אפילו דער קינד גייט אין גוטען וועג איז אויך א מצוה דער פאטער זאל איהם שלאגן. ער זאל זיך נאך בעסערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שטראף דיין זוהן וועסטו פון איהם רוה האבען אונ ער וועט דיר געבין גוטע שפייזין אונ פערגעניגונגס. אונ אפילו א תלמיד וויל לערנען איז אויך א מצוה דער רבי זאל איהם שלאגן: ער זאל נאך בעסער לערנען. אונ אפילו די שטאט מענטשין גייען אין גוטען וועג איז אויך א מצוה בית דין זאל זייא שטראפן. זייא זאלן נאך מער פרימער זיין אונ זאלין זיין אפ גיהיט פון א עבירה:

ג ועתה השב אשת האיש ואונ ווייטער. דאס שטייט אין מסכת בבא קמא (פרק החובל):

ד תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דריי שטעט האט משה אפ גישיידט אויף דער ט ירדן. אונ יהושע האט אפ גישיידט אויך דריי שטעט אין דער לאנד כנען ודיא רוצחים זום

ומכוונות היו כמין שני שורות שבכרם (יהושע כ) חברון ביהודה כנגד (דברים ד) בצר במדבר (יהושע כ) שכם בהר אפרים כנגד (דברים ד) ראמות בגלעד קדש בהר נפתלי כנגד גולן בבשן. (שם יט) ושלשת שיהו משולשות שיהא מדרום לחברון כמחברון לשכם וכחברון לשכם כמשכם לקדש ומשכם לקדש כמקדש לצפון. בעבר הירדן תלת בארץ ישראל תלת אמר אביי בגלעד שכיחי רוצחים (דף י) דכתיב (הושע ו) גלעד קרית פועלי און עקובה מדם וא"ר אלעזר שהיו עוקבין להרוג נפשות. מ"ש מהאי גיסא ומהאי גיסא דמרחקי ומ"ש מציעאי דמקרבי אמר אביי בשכם נמי שכיחי רוצחים שנא' (שם) וכחכי איש גדודים חבר כהנים דרך ירצחו שכמה. מאי חבר כהנים א"ר אלעזר שהיו מתחברים להרוג

ומכוונות היו אלו כנגד אלו כב' בורות כמין ב' שורות שבכרם: ושלשת את גבול ארצך שיהו משולשות. כלומר שיהא נחלקת הארץ חלוקה השוה של א"י לארבעה רבעים כמו שמפרש והולך שיהא מדרומה של א"י לחברון כמחברון לשכם וגו': בעבר הירדן תלת וכו'. בתמיה בנחלת בני השבטים שנים כמו בנחלת י' השבטים: בגלעד. שהוא בעבר הירדן שכיחי רוצחים: עוקבים. הולכים: מאי שנא מהאי גיסא ומהאי גיסא דמרחקי. חברון וקדש רחוקים מגבולות הארץ לביניה הארץ והרוצח בסוף הגבול צריך לנוס רביע הארץ: ומאי שנא מציעאי דמקרבי. הרוצח

---

מעלין הרגנן מענטשין אומגעריך זאלין אנטלויפען אין איינע פון דיא זעקס שטעט. וועט מען זיי שוין ניט טארין דהרגנן. דיא דריי שטעט פון משה זענען גיוועזן געגין די אנדערע דרייא שטעט פון יהושע. אזוי וויא צוויי שורות ווינשטאקין וואס זענען גיפלאנצט אין איין גארטין. די שטאט חברון וואס איז גיוועזן אין יהודה איז גישטאנען געגין דיא שטאט בצר וואס איז גיוועזן אין דער מדבר. דיא שטאט שכם וואס איז גיוועזן אויף דעם בארג אפרים איז גישטאנען געגין די שטאט ראמות וואס איז גיוועזן אין גלעד. דיא שטאט קדש וואס איז גיוועזן אויף דעם בארג נפתלי איז גישטאנען געגין דיא שטאט גולן וואס איז גיוועזן אין בשן. עס שטייט אין פסוק ושלשת. דאס מיינט מען דיא דריי שטעט זאלין שטיין אין גלייכע דריי טייל. אונ זאלין צוא טיילן דיא ברייט פון ארץ ישראל ופון דרום צו צפון אין גלייכע פיר טייל. עס זאל זיין פון דרום ביז חברון אזוי ווייט וויא עס איז פון חברון ביז שכם. אונ פון חברון ביז שכם זאל זיין אזוי ווייט וויא עס איז פון שכם ביז קדש. אונ פון שכם ביז קדש זאל זיין אזוי ווייט וויא עס איז פון קדש ביז צפון. פרעגט דיא גמרא אויף דער זייט ירדן וואס דארטין זענען גאר גיוועזן צוויי מיט א האלבין שבט איז דא דריי שטעט רוצחים זאלין אנטלויפען. אונ אין ארץ ישראל וואס דארטין איז גיוועזן ניין מיט א האלבין שבט זאל אויך נאר זיין דרייא שטעט פאר רוצחים צום אנטלויפען. האט אביי גזאגט דריי שטעט איז גינוג פאר ניין מיט א האלבין שבט. נאר ווייל אויף דער זייט ירדן איז גיוועזן א שטאט גלעד וואס דארט זענען גיוועזן פיל רוצחים. דריבער האט מען צו די צוויי מיט א האלבין שבט אויך גיגעבן דריי שטעט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גלעד איז א שטאט וואס די מענטשין אירע טוהען אומרעכט עקובה מדם. זאגט רבי אלעזר דיא מענטשין לאערין אויף בלוט. זייא לאערין צו הרגנן מענטשין אונ פאר גיסען בלוט. פרעגט דיא גמרא פר וואס פון צפון זייט ארץ ישראל אונ פון דרום זייט ארץ ישראל איז ווייט צום אנטלויפען. אונ דיא מיטעלסטע שטעט זענען נאנט צום אנטלויפען. למשל אז איינער הרגנט א מענטשין ביי דעם גרענעץ פון צפון זייט דארף ער לויפען א פערטיל ארץ ישראל ביז ער וועט קומען אין קדש. אדער אז איינער הרגנט א מענטשין ביי דעם גרענעץ פון דרום זייט דארף ער אויך לויפען א פערטיל ארץ ישראל ביז ער וועט קומען אין חברון. אונ אז איינער וואוהנט צווישען חברון אונ שכם האט ער פאר זיך צוויי שטעט צום אנטלויפען אדער אין חברון אדער אין שכם. צו וועלכע עס איז איהם בעסער אדער נענטער לויפט ער. אדער ער וואוהנט צווישען שכם אונ קדש האט ער אויך פאר זיך צוויי שטעט צום אנטלויפען אדער אין שכם אדער אין קדש. צו וועלכע עס איז איהם בעסער אדער נענטער לויפט ער. האט אביי גזאגט אין שכם איז אויך דא פיל רוצחים. דריבער דארפין זייא זיין נענטער צום אנטלויפען

להרוג נפשות ככהנים הללו שמתחברים לחלק תרומה בבית הגרנות ותו ליכא והאיכא (במדבר לה) ועליהם תתנו ארבעים ושתים עיר אמר אביי הללו קולטות בין לדעת בין שלא לדעת הללו אין קולטות אלא לדעת. וחברון עיר מקלט הואי והכתיב (שופטים א) ויתנו לכלב את חברון כאשר דבר משה אמר אביי פרוודהא דכתיב (יהושע כא) ואת שדה העיר ואת חצריה נתנו לכלב בן יפנה:

**הערים** הללו אין עושין אותן לא טירים קטנים ולא כרכים גדולים אלא עיירות בינוניות ואין מושיבין אותן אלא במקום מים אם אין שם מים מביאין שם מים ואין מושיבין אותן אלא במקום שווקים ואין

בין חברון לשכם וכין שכם לקדש קרוב לגוקלע מכאן ומכאן: בין לדעת ובין שלא לדעת. בין שכרת שם לדעת קליטה ובין שלא ברח שם לדעת קליטה שלא היה יודע שהיה קולטת: פרוודהא. כפרים והגרים הסמוכים לה והקרקע על שמה נתנו לכלב:

הללו ערי מקלט: טירים קטנים. לפי שאין מצויים שם: ולא כרכים גדולים. שהכל מקבצים שם תמיד ויבא גואל הדם מצוי שם ויהרגנו: ואם אין שם מים: כשנפלו בגורל בימי יהושע ללוים כבואו לשם אמת מים אח"כ מן הסנהדרין רחוקים: במקום שווקים. שימצאו מזונות לקנות:

---

אנטלויפען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וכחכי איש גדודים. ואזוי זוי אמענט'ש וואס ווארט ביז עס וועט קומען אקאמפאניע חבר כהנים (אפהעפטונג פון כהנים) דרך ירצחו שכמה וואס גייען אין דער וועג פון שכם צום הרגנן. וואס מיינט מען אפהעפטונג פון כהנים. רבי אלעזר זאגט זייא פלעגן זיך בהעפטין אקאמפאניע צום הרגנן מענטשין: אזוי וויא די כהנים וואס בהעפטין זיך אקאמפאניע זייא זאגן זיך צו טיילען מיט די תרומה וואס מען האט זיי געגעבן אין די שייערין: פרעגט די גמרא אין ארץ ישראל איז ניט מער געווען שטעט פאר רוצחים צום אנטלויפען נאר דריי. עס איז דאך נאך געווען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויף די דריי שטעט זאלט איר געבין צוויי און פערציג שטעט. האט אביי געזאגט די דריי שטעט וחברון שכם קדש) נעמען צו דעם רוצח מען זאל אים ניט קענען הרגנן סיי ער איז געקומען אין די שטאט ווייל ער האט געוואוסט אז דארט טאר מען איהם ניט הרגנן. און סיי ער האט ניט געוואוסט אז דארט טאר מען איהם ניט הרגנן. נאר ער האט מורא געהאט צו זיין אין די שטאט וואו ער האט געהרגת איז ער געקומען אין איינע פון די דרייא שטעט. טאר מען איהם ניט הרגנן: אבער ביי די צוויי און פערציג שטעט איז אזוי דער דין. אויב דער רוצח איז געקומען אין איינע פון די שטעט ווייל ער האט געוואוסט אז דארט טאר מען איהם ניט הרגנן. טאר מען אים ניט הרגנן. אבער אז ער האט ניט געוואוסט אז דארט טאר מען איהם ניט הרגנן. ער איז נאר אהין אנטלאפען ווייל ער האט מורא געהאט צו זיין אין זיין שטאט. מעג מען אים הרגנן. פרעגט די גמרא איז דען חברון געווען א שטאט אין איר זאלן אנטלויפן רוצחים. עס שטייט דאך אין פסוק מען האט געגעבן די שטאט חברון צו כלב אזוי וויא משה האט איהם צוא געזאגט. האט אביי געזאגט די דערפער מיט די פעלדער וואס ארום די שטאט חברון הט מען געגעבן צו כלב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די פעלדער ווס געהער צום שטאט און די דערפער הט מען געגעבן צו כלב בן יפונה. אבער די שטאט חברון אליין הט מען ניט געגעבן צו כלב. נאר זי איז געווען פר רוצחים:

**הערים**. די שטעט וואס זענען געווען רוצחים זאלן אין זייא אנטלויפען וואס הייסט ערי מקלט) האבען נישט געטארט זיין קליינע שטעט. און ניט גאנץ גרויסע שטעט. נאר מיטעלע שטעט ווארום אין אקליינע שטאט בעקומט מען ניט צו קויפען אלץ וואס מען דארף. און אין אגאנץ גרויסע שטאט קומען פיל מענטשין צום האנדיל קען זיין דער פריינד פון דעם מענטש וואס איז געהרגת געווארן וועט אויך אהין קומען וועט ער אויף זוכען דעם רוצח און וועט איהם הרגנן אין דער שטיל קיינער זאל ניט וויסען. און די שטעט זאלן געבאהט ווערין נאר ביי וואסער. און אויב אויף דעם ארט וואו עס איז געפאלען דער גורל דארט זאל געבאהט ווערין א עיר מקלט איז ניטא קיין וואסער. זאל מען אריין ציהען צהין וואסער פון אנדערע טייכען. און

מען

ואין מושיבין אותן אלא במקום אוכלוסין נתמעטו אוכלוסיהן מוסיפין עליהן נתמעטו דיוריהן מביאין להם כהנים לוים וישראלים ואין מוכרין בהם לא כלי זיין ולא כלי מצודה דברי ר' נחמיה והכמים מתירין ושוין שאין פורסין בתוכן מצודות ואין מפשילין בתוכן חבלים כדי שלא תהא רגלי גואלי הדם מצוי שם. אמר ר' יצחק מאי קראה (דברים ד) וגם אל אחת מן הערים האל וחי עביד ליה מידי דתהוי ליה חיותא:

במקום אוכלוסין. שיהיו כפרים וישוב סמוכים להם שלא יבואו גואלי הדם מרובים על כפיר בתול: כלי זיין: שלא יקנה גואל הדם שם זיין ויהרוג שלא יביא כלי זיין ממקומו יכניסו בו: וכלי מצודה. אף כהם סורגין חיות: מאי קראה. דמתקנין להו כולהיום דכל שכות אייך לו: לתלמיד שאינו הגון. שלא ישיבהו עמו לידי כריגה בשוגג ויג"ה דלתמריך. לקמן שאינו מטי הלה לנשעיה:

ו תנא תלמיד שגלה מגלין רבו עמו דכתיב (דברים ד) וגם אל אחת מן הערים האל וחי עביד ליה מידי דתיהוי ליה חיותא. א"ר זירא מכאן שלא ישנה אדם לתלמיד שאינו הגון. א"ר יוחנן הרב שגלה מגלין ישיבתו עמו. איני והאמר ר' יוחנן מנין לדברי תורה שהן קולטין דכתיב (שם) את בצר במדבר וכתיב בתריה (שם) וזאת התורה לא קשיא הא בעידנא דעסיק בה הא בעידנא דלא עסיק בה. אי בעית אימא מאי קולטין ממלאך המות כי הא דרב חסדא הוה יתיב

וגרם

---

מען באהט דיא שטאט נאר אויף אזוי אארט וואס דארט וועט זיין מערק וועט מען בעקומען אלץ צו קויפען. אונ מען באהט דיא שטאט נאר אויף אזוי אארט וואו עס איז דא ארום דעם ארט פיל דערפער בעוואוהנטע מיט פיל מענטשין. אויב נאך דעם אויף באהען זענען געווארן ארום דער שטאט וויניגער מענטשין וויא פריער. זאל מען אריין זעצין אנדערע מענטשין אויף דעם ארט. אויב דיא איין וואוהנערס פון שטאט זענען וויניגער געווארן זאל מען ברייננען כהנים לוים ישראלים אונ זאלין זיך דארט בזעצין. אונ מען טאר ניט פאר קויפען אין דער שטאט קיין כלי וואס איז צום הרגנן מענטשין אונ קיין כלי וואס איז צו הרגנן חיות. אזוי זאגט רבי נחמיה. אונ דיא חכמים זאגין מען מעג יא פאר קויפען אזעלכע כלים. נאר דאס האלטען אלע גלייך דיא חכמים אונ רבי נחמיהו אז מען טאר ניט פאר שפרייטן נאויף שטעלין אנעץ אין דיא שטאט צוא פאנגען חיות אדער עופות. אונ מען טאר ניט פלעכטין שטריק אין דיא שטאט. ווארום אז אין דיא שטאט וועט נאר זיין עפעס אהאנדיל. האבען מיר מורא טאמער וועלין דיא פריינד פון דעם גיהרגתין קומען אין דיא שטאט האנדלען דער וויל וועלין זייא טרעפין דעם רוצח אונ וועל איהם הרגנן. רבי יצחק זאגט דאס וויסען מיר פון פסוק. ווארום עס שטייט אין פסוק ער זאל אנטלויפען צו איינע פון די שטעט וועט ער לעבין. דו זאלסט אן ברייטען אין דער שטאט אלע זאכען וואס מען דארף צום לעבין. ער זאל קענען דארטין לעבין:

ו תניא. מיר האבין גילערנט אז אתלמיד איז פאר טריבען גיווארען ווייל ער האט גיהרגת אמענטשין אומגערין. פאר טרייבט מען זיין רבי אויך. ווארום עס שטייט אין פסוק ער זאל אנטלויפין אין איינע פון די שטעט אונ ער זאל לעבין ומיט בייעדע מיט דעם גוף אונ מיט דיא נשמה דוא זאלסט פאר איהם אן ברייטען וואס ער דארף צו לעבין פון גוף וויא פריער שטייט אונ צום לעבין פון דיא נשמה. דאס מיינט מען אז רבי ער זאל בייא איהם לערנען תורה. רבי זירא זאגט פון דאנען דארף זעהן יעדער חכם ער זאל ניט לערנען מיט אתלמיד וואס איז ניט פרום. ווארום דיא זינד פון תלמיד קענען איהם ברייננען ער זאל הרגנן אמענטשין אומגערין וועט ער דארפין פאר טריבען ווערין זעט דער רבי אויך מוזין פאר טריבען ווערין. רבי יוחנן זאגט אז ארבי האט גיהרגת אמענטשין אומגערין אונ ער איז פאר טריבען גיווארען פאר טרייבט מען דיא גאנצע ישיבה מיט איהם. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי ווארום רבי יוחנן האט גיזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז די תורה נעמט צו דעם מענטשין אונ פאר היט איהם פון טויט. ווארום עס שטייט אין פסוק את בצר במדבר אונ באלד נאך דעם שטייט וזאת התורה. צו ווייזין אזוי וויא דיא שטאט בצר אין דער מדבר פאר היט דעם רוצח פון טויט אזוי דיא

הורה

וגרס בבי רב לא מצי שליחא דמלאכא דמותא למיקרב ליה משום דלא פסיק פומיה מגירסא סליק ויתיב אארזא דבי רב ופקע ארזא אישתיק ויכיל ליה :

**ז אמר** רבי תנחום בר חנילאי מפני מה זכה ראובן להמנות בהצלה תחלה מפני שהוא פתח בהצלה תחלה שנאמר (בראשית לז) וישמע ראובן ויצילהו מידם . דרש ר' שמלאי מ"ד (דברים ד) אז יבדיל משה שלש ערים בעבר הירדן מזרחה שמש א"ל הקב"ה למשה הזרח השמש לרוצחים איכא דאמרי אמר הקב"ה הזרחת שמש לרוצחים . דרש רבי סימאי מ"ד (קהלת ה) אוהב כסף לא ישבע כסף ומי אוהב בהמון לא תבואה אוהב כסף לא ישבע כסף זה משה שהיה יודע ששלש בעבר הירדן אינן קולטות עד שנבחרו ג' שבארץ כנען אמר מצוה באה לידי אקיימנה ומי אוהב בהמון לו *) תבואה למי נאה ללמוד בהמון למי שכל תבואת שלו

להמנות בהצלה תחלה. שפתח בו הכתוב בערי מקלט תחלה : הזרח השמש לרוצחין . להכי נ להם היוחס כגון מילי טובא דאמריך נמי לעיל : הזרחת השמש לרוצחים . בהבדלה זו ויפה עשית : ללמוד בהמון . לדרוש ברבים : שכל תבואה שלו . שבקי במקרא במשנה בהלכות ובאגדות :

*) בכתוב לא בא"ף ועיין אגדות מהרש"א

---

תורה פאר היט אויך דעם מענטשין פון טויט . דארף מען דאך נישט דעם רבי און נישט דעם תלמיד פאר טריבען אין עיר מקלט . זאגט דיא גמרא עס איז נישט קיין קשיא ווען דר מענטש לערונט תורה פאר היט איהם דיא תורה אז דער פריינד פון דעם גיהרגתין זאל איהם ניט הרגנן. אבער ווען ער לערונט ניט תורה מעג איהם דעם פריינד פון דעם גיהרגתין יא הרגנן . דריבער מוז ער אנטלויפין אין עיר מקלט . אויב דוא ווילסט וועל איך דיר אזוי אתירוץ זאגין . די תורה פאר היט נאר דעם מענטשין פון מלאך המות . דער מלאך המות טאר ניט הרגנן דעם מענטשין ווען ער לערונט תורה . אבער דער פריינד פון דעם גיהרגתין מעג הרגנן דעם רוצח . אפילו ווען ער לערונט תורה . דריבער מוז ער אנטלויפען אין עיר מקלט . אזוי וויא רב חסדא איז גיזעסין אין בית המדרש און האט גילערונט האט דר שליח פון מלאך המות ניט גיקענט צו קומען צו איהם ווייל זיין מויל האט ניט אויף גיהערט פון צו לערנען . איז דער מלאך המות ארויף גיגאנגען און האט זיך גיזעצט אויף דעם בוים וואס נעבין בית המדרש איז דער בוים צו בראכין גיווארין איז רב חסדא דער שראקין גיווארין און האט אויף גיהערט צו לערנען איין מינוט האט דער מלאך המות איהם גיהרגת :

**ז** אמר רבי תנחום בר חנילאי האט גיזאגט פאר וואס האט ראובן זוכה גיווען מען זאל איהם ציילען דער ערשטער בייא דיא שטעט וואס זענען מציל צו זיין דעם רוצח . ווייל ער איז גיווען דער ערשטער וואס האט גירעט צו דיא ברידער מען זאל מציל זיין יוסף . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ראובן האט גיהערט האט ער גירעטעט זיין ברודער יוסף פון זייערע הענט . רבי שמלאי האט גידרשת עס שטייט אין פסוק דאמאלס האט משה אפ גישיידט דרייא שטעט אויף דער זייט ירדן ווא דיא זוהן שיינט אויף . נאט האט גיזאגט צו משה מאך שיינען דיא זוהן צו דיא רוצחים . דוא זאלסט אן ברייטען מיטלען פאר דיא רוצחים אזוי ווי עס שטייט אין סימן ה ו . אנדערע זאגין גאט האט גיזאגט צו משה דוא האסט גימאכט שיינען דיא זוהן פאר דיא רוצחים וואס דוא האסט אן גיברייט פון זייערט וועגין די דרייא שטעט . רבי סימאי האט גידרשת עס שטייט אין פסוק אוהב כסף לא ישבע כסף ודער וואס האט ליב געלט ווערט ניט זאט מיט געלט . ומי אוהב בהמון לא תבואה . און ווער עס האט ליב דיא ברומונג פון פיל מענטשין דער האט תבואה . דיא גמרא דרשת גלייך וויא עס וואלט גישטאנען לו מיט אווא"ו . לו תבואה . צו איהם איז תבואה . זאגט דיא גמרא געלט מיינט מען מצות . און אזוי זאגט דער פסוק דער וואס האט ליב געלט ווער האט ליב צו טאהן מצות ווערט ער ניט זאט מיט מצות דאס מיינט מען משה רבינו . משה האט געוואוסט אז די דרייא שטעט פון דער זייט ירדן וועלין נאך ניט צו נעמען דעם רוצח ביז מען וועט אפ שיידן נאך דרייא שטעט אין דעם לאנד כנען . און אויף דיא דרייא שטעט פון כנען האט מען נאך גיבארפט ווארטין פערצעהן

יאהר

רבנן ואי תימא רבה בר מרי אמר מי אוהב בהמון לו תבואה וגו'. אוהב ת"ת לו תבואה: התורה מתוקנת עליו ועל זרעו כדאמרינן בעלמא מאן דרחים רבנן הוו ליה בנין רבנן: יהבו רבנן עינייהו ברבה. שהיה אוהב תלמידי חכמים ביותר והיו לו בנים תלמידי חכמים: רב אשי אמר וכו'. כדרב אשי גרסינן ללמוד כדרבינא גרסינן ללמוד: ללמוד בהמון. עם חברים רבים: נואלו שרי צוען נשאו וגו'. אלמא כמואל נשא להטות:

שלו והיינו דא"ר אלעזר מ"ד (תהלים קו) מי ימלל גבורות ה' ישמיע כל תהלתו למי נאה למלל גבורות ה' למי שיכול להשמיע כל תהלתו. ורבנן ואי תימא רבה בר מרי אמר מי אוהב בהמון לו תבואה כל האוהב בהמון לו תבואה יהבי ביה רבנן עינייהו ברבה בריה דרבא. רב אשי אמר כל האוהב ללמוד בהמון לו תבואה והיינו דא"ר יוסי בר חנינא מ"ד (ירמיה נ) חרב אל הבדים ונואלו חרב על שונאי ת"ח שיושבים בד בבד ועוסקין בתורה ולא עוד אלא שמטפשין כתיב הכא ונואלו וכתיב התם (במדבר יב) אשר נואלנו ולא עוד אלא שחוטאין שנאמר ואשר חטאנו ואבע"א מהכא (ישעיה יט) נואלו שרי צוען רבינא

---

יאהר. נאר ווייל משה האט ליב געהאט צו טאהן מצות, האט ער געזאגט דיא מצוה וואס איז גיקומען אין מיין האנט וועל איך איר מקיים זיין. אונ ווער שוין אפ שיידן דריי שטעט אויף דער זייט ירדן. אפילו מען דארף זייא נאך ניט. אונ ווער עס האט ליב דיא ברומונג פון פיל מענטשין דער האט תבואה. דער פסוק מיינט אזוי ווער עס האט ליב צוא דרשנן פאר פיל מענטשין. פאר וועמען איז שיין צו דרשנן פאר פיל מענטשין. דער וואס הט די גאנצע תבואה. דאס מיינט מען ער קען דיא גאנצע תורה. דאס איז אזוי וויא רבי אלעזר האט גזאגט עס שטייט אין פסוק ווער זאל ריידן דיא שטארקייט פון גאט ער זאל מאכען הערין זיין גאנצע לויב. דער פסוק מיינט אזוי פאר וועמען איז שיין ער זאל ריידן דיא שטארקייט פון גאט. דער וואס קען מאכען הערין דיא גאנצע לויב פון גאט. אבער דער וואס קען ניט דער ציילען די גאנצע לויב פון גאט (אונ עס איז נישטא איין מענטש אויף דער וועלט וואס זאל קענען דער ציילען דיא גאנצע לויב פון גאט) זאל ער גאר ניט לויבען גאט נאר דיא תפלות וואס מיר האבען שוין פון לאנג דאס מעג מען. אונ דיא רבנן זאגין אנדערע זאגין רבה בר מרי האט גזאגט דער פסוק וואס זאגט ווער עס האט ליב דאס ברומונג פון פיל מענטשין צו איהם איז תבואה. דס מיינט מען ווער עס האט ליב אלע מענטשין וואס זענען תלמידי חכמים. וועט ער האבען תבואה. דאס מיינט מען ער וועט האבען קינדער תלמידי חכמים. האבען דיא רבנן גיגעבין זייערע אויגען אויף רבה דער זוהן פון רבא. אז רבה האט ליב אלע רבנן אונ ער הט קינדער תלמידי חכמים. רב אשי זאגט אזוי מיינט דער פסוק דער וואס האט ליב צוא לערנען תורה מיט פיל מענטשין צו זאמען. וועט ער האבען די תבואה פון דער תורה. ער וועט קענען לערנען. אונ רב אשי זאגט אזוי וויא רבי יוסי בר חנינא האט גזאגט עס שטייט אין פסוק חרב אל הבדים ונואלו. אשווערד זאל זיין אויף דיא פיינד פון דיא תלמידי חכמים וואס זיצען יעדער בזונדער אונ לערנען. אונ זייא לערנען ניט אלע בעזאמען (אונ ווייל. ער וויל ניט ארויס ריידן אקללה אויף דיא תלמידי חכמים. דריבער זאגט ער דיא קללה אויף דיא פיינד פון דיא תלמידי חכמים) אונ ניט נאר דיא קללה אליין האבען זייא. נאר זייא ווערין פאר נארעשט אויך. ווארום דא שטייט ונואלו. אונ דארט שטייט אהרן האט גזאגט אשר נואלנו. מיר האבען אנארעשקייט גיטאהן. זעהן מיר אז נואלו איז דער טייטש פאר נארעשט. אונ נאך מער האבין זייא. זייא זינדיגען מיט דעם צו גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אהרן האט גזאגט מיר האבען גיטאהן אנארעשקייט אונ מיר האבען געזינדיגט. אזוי דא ביי דיא תלמידי חכמים ווס לערנען יעדער בזונדער וועלין זייא ווערין פאר נארעשט אונ זייא זינדיגען. אז דו ווילסט וועל איך דיר זאגן פון דעם פסוק נואלו שרי צוען נשאו. דיא הארין פון צוען זענען נארעש גיווארין אונ טראגן אויף זיך אזינד. אזוי ביי דיא תלמידי חכמים וואס לערנען יעדער בזונדער שטייט אויך נואלו. מיינט מען זייא ווערין נארעש ווערין אונ ווערין זינדיגען. רבינא זאגט דער וואס האט

רבינא אמר כל האוהב ללמד בהמון לו תבואה והיינו דאמר רבי הרבה תורה למדתי מרבותי ויותר מחברי ומתלמידי יותר מכלם :

ללמד בהמון . תלמידים הרבה : לו תבואה . לפי בעל ידיהם ירבה הפלפול ומתן לב להבין קושיותיו: בשעריך ירושלים . בשביל שעריך : מאלף עולות וכו'. מקרא כתיב אלף עולות יעלה שלמה וגו':

**ח אמר** ר' יהושע בן לוי מאי דכתיב (תהלים קכב) עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים מי גרם לרגלינו שהיו עומדין במלחמה שערי' ירושלים שהיו עוסקין בתורה . וא"ר יהושע בן לוי מאי דכתי' (שם) שיר המעלות לדוד שמחתי באומרים לי בית ה' נלך אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע שמעתי בני אדם שאומרים מתי ימות זקן זה ויבנה שלמה בנו בית הבחירה ונעלה לרגל ושמחתי . א"ל הקב"ה (שם פד) כי טוב יום בחצריך מאלף טוב לי יום אחד שאתה עוסק בתורה לפני מאלף עולות שעתיד שלמה בנך להקריב לפני על גבי המזבח :

(דף י ע"ב) **ט משנה** ומכוונים להם דרכים מזו לזו שנאמר (דברים יט) תכין לך הדרך ומוסרים לו שני תלמידי חכמים שמא יהרגנו בדרך וידברו אליו . ר' מאיר אומר (אף) הוא מדבר על ידי עצמו שנאמר (שם) וזה דבר הרוצח :

---

האט ליב צוא לערנען תורה צו פיל תלמידים וועט ער האבען תבואה . דאס מיינט מען ער וועט קענען גוט לערנען . דאס איז וואס רבי האט גזאגט פיל תורה האב איך געלערנט פון מיינע רבים . אונ פון מיינע חברים האב איך געלערנט נאך מער וויא פון מיינע רבים . אונ פון מיינע תלמידים האב איך געלערנט מער וויא פון אלעם ווייל ווען עס איז דא פיל תלמידים . פרעגט מען דעם רבי פיל קשיות . אונ ער מוז ענטפערין פיל תירוצים . דער ווייל ווערט אים געשארפט דער שכל אונ ער ווערט א גרויסער חכם אין דער תורה :

**ח** אמר . רבי יהושע בן לוי האט געזאגט עס שטייט אין פסוק עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים . וואס האט אונז געהאלפען אז אונזערע פיס זאלין קענען שטיין אין א מלחמה . דיא טויערין פון ירושלים . וואס מען האט דארטין געלערנט תורה . אין דעם זכות פון די תורה לערנען פלעגין מיר איין נעמען א מלחמה . נאך האט רבי יהושע בן לוי געזאגט עס שטייט אין פסוק שיר המעלות לדוד שמחתי באומרים לי בית ה' נלך . איך פריא מיך אז מען זאגט צוא מיר אין דיא הייז פון גאט וועלין מיר גיין . אזוי האט געזאגט דוד פאר גאט רבונו של עולם איך האב געהערט מענטשין זאגין אויף מיר ווען וועט שטארבען דער אלטער וועט זיין זוהן שלמה באהען דעם בית המקדש וועלין מיר אלע יום טוב קומען אין בית המקדש . האב איך מיך געפרייט מיט זייערע רייד . האט גאט געזאגט צו דוד כי טוב יום בחצריך מאלף . עס איז ביי מיר בעסער דיין איין טאג וואס דוא לערנסט תורה פאר מיר . מער פון דיא טויזענד עולות וואס דיין זוהן שלמה וועט מקריב זיין פאר מיר אויף דעם מזבח . זייא איילין זיך דוא זאלסט שטארבען אונ דער בית המקדש זאל געבויט ווערין וועט מען מקריב זיין קרבנות . אונ ביי מיר איז בעסער אז דוא לעבסט נאך אונ לערנסט תורה . אפילו דער בית המקדש איז ניטא אונ מען איז ניט מקריב קרבנות :

**ט** ומכוונים . אונ מען האט געמאכט גלייכע וועגין פון איין עיר מקלט צום אנדערין . אונ פון יעדער שטאט ביז צו דיא דרייא ערי מקלט האט מען אויך געמאכט גלייכע וועגין : די וועג זאל ניט גיין קרום . אונ עס זאל ניט זיין א שטרויכלונג אויף דעם וועג . ניט קיין בארג . ניט קיין טאהל . אויף יעדער וואסער א ברוק . ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט אנבערייטען די וועג . אונ צוויי לומדים גייען מיט דעם רוצח אין וועג ביז צום עיר מקלט : צו היטען אים טאמער וועט דער פריינד פון דעם געהרגעטין איהם הרגנן אין וועג . אונ אויב דער פריינד פון דעם געהרגעטין וועט אים וועלין הרגנן . זאלן די לומדים ריידן צו דעם פריינד אונ זאלן איהם בעטין ער זאל אים ניט הרגנן . רבי מאיר זאגט דער רוצח אליין זאל ריידן פאר זיך . ווארום עס שטייט אין פסוק דס זענען די רייד פון דעם רוצח :

לפיכך

י (דף יא) **לפיכך** אמותיהן של כהנים היו מספקות להם (מים ומזון) [מחיה וכסות] שלא יתפללו על בניהן שימותו:

**יא גמ' תניא** ר' אליעזר בן יעקב אומר (ע"ב) מקלט היה כתוב על פרשת דרכים כדי שיכיר הרוצח ויפנה לשם. אמר רב (הונא) [כהנא] מאי קראה (דברים יט) תכין לך עשה לך הכנה לדרך. ר' חמא בר חנינא פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (תהלים כה) טוב וישר ה' על כן יורה חטאים בדרך אם לחטאים מורה קל וחומר לצדיקים. ר"ש בן לקיש פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (שמות כא) ואשר לא צדה והאלהים אנה לידו (ש"א כד) כאשר יאמר משל הקדמוני מרשעים יצא רשע במה הכתוב מדבר בשני בני אדם שהרגו את הנפש אחד הרג בשוגג ואחד הרג במזיד לזה אין עדים ולזה אין עדים הקב"ה מזמנן לפונדק אחד זה שהרג במזיד יושב

פירוש

לפיכך אמותיהן. אקרא דיושב שם עד מות הכהן קאי: מקלט כתוב על פרשת דרכים. בכל מקום שהיו שני דרכים מפוצלים אחד פונה לעיר מקלט עץ היה תקוע בתוכו הדרך וכתיב עליו מקלט: פתח לה פתחא להאי פרשתא. כשהיה רוצה לדרוש בפרשה רוצחין היה מתחיל כן: והאלהים אנה לידו: זהו שאמר הכתוב כאשר יאמר משל הקדמוני מרשעים יצא רשע משל הקד' וגו' היא התורה שהיא משל של הקב"ה שהוא קדמונו של עולם והיא אמרה מרשעים יצא רשע והיכן אמרה והאלהים אנה לידו והיאך הקב"ה ממציא מכשול לאדם להטות אלא ע"י שהם רשעים ההורג והנהרג ההורג היה חייב גלות ואין עד בדבר והוא לא גלה והנהרג היה חייב מיתה ואין עד בדבר ולא נהרג לפיכך הקב"ה זומנן לפונדק אחד וכו': במה הכתוב

---

י לפיכך. ווייל אז דער כהן גדול שטארבט אדער דער געוועזענער כהן גדול שטארבט אדער דער כהן וואס איז געזאלבט צו גיין אין דער מלחמה שטארבט. גייט דער רוצח צוריק אהיים. דריבער פלעגן די מוטערס פון די כהנים ודיא מוטער פון כהן גדול. און דיא מוטער פון דעם געוועזענעם כהן גדול. און דיא מוטער פון דעם כהן וואס איז געזאלבט צו גיין אין דער מלחמה געבן צו דיא רוצחים עסן און קליידער. דיא רוצחים זאלן ניט בעטן אויף זייערע קינדער זייא זאלין שטארבן:

**יא** תניא. מיר האבען געלערנט רבי אליעזר בן יעקב זאגט וואו עס איז געוועזן צוויא וועגין האט מען געשטעלט א סלופ און מען האט אויף געשריבען וועלכע וועג עס גייט צום עיר מקלט. דער רוצח זאל וויסען וואו ער זאל לויפען. רב כהנא האט געזאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק דוא זאלסט אן ברייטן דיא וועג. דוא זאלסט מאכען אנבערייטונג צוא דער וועג. מען זאל דער קענען וועלכע וועג גייט צום עיר מקלט. רבי חמא בר חנינא אז ער האט געוואלט דרשנען דיא פרשה פון רוצחים. האט ער פריער אן געהויבען צו דרשנען דעם פסוק. גאט איז גוט און טוהט אלץ מיט גערעכקייט דריבער ווייזט ער דיא זינדיגע דעם גוטען וועג וגאט הט געהייסען מען זאל ווייזן דעם רוצח דעם גלייכען וועג צום עיר מקלט ער זאל קענען בלייבען לעבין. מאדאך צו דיא זינדיגע ווייזט גאט דעם גוטען וועג. צו דיא פרומע ווייזט געוויס גאט דעם גוטען וועג. רבי שמעון בן לקיש אז ער האט געוואלט דרשנען דיא פרשה פון רוצחים. הט ער פריער אן גיהויבען צו דרשנען דעם פסוק. ער האט ניט געלאקערט אויף זיין חבר צו הרגנן איהם נאר גאט הט אן גיברייט דעם חבר אונטער זיין האנט ער זאל גיהרגת ווערין פון איהם. דס איז וואס דער פסוק זאגט כאשר יאמר משל הקדמוני: אזוי וויא עס זאגט דער משל פון דעם פריערדיגען ודאס מיינט מען דיא תורה וואס זיא איז דער משל פון גאט וואס ער איז פריער וויא דיא וועלט. וואס זאגט דיא תורה פון רשעים גייט ארויס שלעכץ. וואו האט דאס דיא תורה גזאגט פון רשעים גייט ארויס שלעכץ. פון דעם פסוק ער האט ניט גילאקערט אויף זיין חבר צו הרגנן איהם נאר גאט האט אן גיברייט דעם חבר אונטער זיין האנט ער זאל גיהרגת ווערין פון איהם. פאר וואס האט דאס גאט גיטאהן ער זאל אן ברייטען איין מענטש צום אנדערין ער זאל איהם הרגנן. נאר דער פסוק שמועסט פון צוויי מענטשין וואס זעניןביידע רשעים. ביידע האבען אמאהל גיהרגת מענטשין. נאר איינער האט גיהרגת אומגערין וואלט ער גידארפט פאר טריבען ווערין אין עיר מקלט. עס איז אבער ניט געווען קיין עדות

אויף

יושב תחת הסולם וזה שהרג בשוגג יורד בסולם ונופל עליו והורגו נמצא זה שהרג במזיד נהרג וזה שהרג בשוגג גולה:

**יב אמר** רבה בר רב הונא אמר רב הונא ואמרי לה א"ר הונא א"ר אלעזר מן התורה ומן הנביאים ומן הכתובים בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו. מן התורה דכתיב (במדבר כב) לא תלך עמהם וכתיב (שם) קום לך אתם. מן הנביאים דכתיב (ישעיה מח) אנכי ה' אלהיך מלמדך להועיל מדריכך בדרך תלך. מן הכתובים דכתיב (משלי ג) אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן:

**יג אמר** ר' חמא בר חנינא מפני מה נאמרה פרשת רוצחים (דף יא) בלשון עזה דכתיב (יהושע כ) וידבר ה' אל יהושע לאמר וגו' תנו לכם את ערי המקלט אשר דברתי אליכם וגו' מפני שהן של תורה למימרא דכל דבור לשון קשה אין דכתיב (בראשית מב) דבר האיש אדוני הארץ אתנו קשות והתניא (מלאכי ג) נדברו אין נדברו אלא לשון נחת וכה"א

מדבר. והאלהים אנה לידו: ונופל עליו והורגו. ויש עדים וגולה על כרחו:
בלשון עזה. בכל ס' יהושע כתיב ויאמר ה' אל יהושע וכאן נאמר וידבר ה' ודבור לשון עז הוא:
מפני שהן של תורה. הכל באו אמירות שאמר לא אמר דבר לקיים מלוה הכתובה בתורה חוץ

---

אויף דער זאך. קיינער האט ניט געוואוסט פון דעם נאר גאט אליין. דריבער איז ער ניט פאר טריבען געווארין. אונ דער אנדערער האט גיהרגת אמענטש מוטוויליג. האט מען אים גידארפט הרגנן. אונ עס איז אויך ניט געוועזן קיין עדות. עס האט אויך קיינער ניט געוואוסט נאר גאט אליין. האט מען אים ניט גיהרגת. וואס טוהט גאט ער ברענגט צו זאמען דיא ביידע מענטשין אויף איין ארט. דער וואס האט גיהרגת מוטוויליג זיצט אונטער דעם לייטער. אונ דער וואס האט גיהרגת אומגערין גייט אויף דעם לייטער פון בוידים אראפ. אונ דער לייטער רוקט זיך אפ פון ארט אונ פאלט ארויף אויף דעם וואס איז גיזעסין אונטער דעם לייטער אונ ער ווערט גיהרגת. אונ איצט זענען שוין דא עדות. דער וואס האט פריער גיהרגת אמענטש מוטוויליג איז שוין איצט גיהרגת געווארין; אונ דער וואס האט פריער גיהרגת אמענטש אומגערין האט ער איצט נאך אמאהל גיהרגת אמענטש אומגערין (דעם וואס איז גיזעסין אונטער דעם לייטער). אונ איצט זענען שוין דא עדות. ווערט ער שוין פאר טריבען אין די שטעט פון די רוצחים:

**יב אמר.** רבה בר רב הונא האט גיזאגט פון רב הונאס וועגין. אנדערע זאגין רב הונא האט גיזאגט פון רבי אלעזרס וועגין פון דער תורה אונ פון דיא נביאים אונ פון כתובים ווייסין מיר אין דעם וועג וואס אמענטש וויל גיין פירט מען איהם. אין דער תורה שטייט גאט האט גיזאגט צו בלעם דוא זאלסט ניט גיין מיט מואב. אונ אז בלעם האט יא גיוואלט גיין האט גאט גיזאגט צו איהם גייא מיט זייא. אין נביאים שטייט גאט זאגט איך בין דיין גאט איך לערין דיך צו העלפין דיר איך מאך דיך טרעטין אין דעם וועג וואס דוא ווילסט גיין. אין כתובים שטייט שלמה המלך האט גיזאגט אויב דער מענטש וויל גיין צו רשעים וואס לאכין פון דער תורה. לאזט מען איהם ער זאל גיין מיט זייא אונ זאל אויך לאכין פון דער תורה. אונ אויב ער וויל גיין מיט די פרומע וועט איהם גאט געבין חן דיא פרומע זאלין זיך מיט איהם בהעפטין:

**יג אמר.** רבי חמא בר חנינא זאגט פאר וואס איז די פרשה פון רוצחים גיזאגט געווארין צו יהושע מיט שטארקע רייד. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וידבר יי' אל יהושע. גאט האט גירעט צו יהושע ניט צו אייך דיא שטעט פאר דיא רוצחים וואס איך האב גירעט צו אייך. ענטפערט די גמרא ווייל דיא מצוה שטייט גיבאטין אין דער תורה. פון וואנען ווייסען מיר אז דער ווארט דבור מיינט מען שטארקע רייד. ווארום עס שטייט אין פסוק דבר האיש אתנו קשות. דער מענטש דער האר פון דעם לאנד האט גירעט מיט אונז הארטע רייד; פרעגט דיא גמרא מיר האבין דאך גילערנט עס שטייט אין פסוק נדברו איש אל רעהו. נדברו מיינט מען זייא האבען גירעט

איינער

וכה"א (תהלים מז) ידבר עמים תחתינו דבר לחוד ידבר לחוד:

**יד פיסקא** לפיכך אמותיהן של כהנים וכו'. טעמא דלא מצלו הא מצלו מייתי והכתיב (משלי כו) כצפור לנוד כדרור לעוף כן קללת חנם לא תבא אמר (להו) ההוא סבא מפרקיה דרבא שמיע לי מפני שהיה להם לבקש רחמים על דורם ולא בקשו איכא דאמרי כדי שיתפללו על בניהם ולא ימותו טעמא דמצלו הא לא מצלו מייתי מאי הוה ליה

מזו : ידבר עמים . ינהל עמים תחתינו : שהיה להם לבקש רחמים על דורם. הלכך לאו קללת חנם היא : הכא אמרי . בבבל אמרו משל זה על האדם שלוקה בשביל סרחון של אחרים : טוביה חטא וזיגוד מינגד. משום דהיא דאמרינן בפסחים טוביה חטא אתא זיגוד אסהיד ביחידי שלא היה עד שני בדבר ונגדיה רב פפא לזיגוד וא"ל טוביה חטא וזיגוד מינגד ומאי הוה לעשות : התם אמרינן . בא"י אמרינן משל זה : שכם נסיב מבגאי גזר . שכם בן חמור לקח את דינה בת יעקב ושכבה שלו ונהרגו בני העיר שלא נהנו מלו עמו ונטענו . מבגאי שם איש מבני העיר :

למעבד הכא אמרי טוביה חטא וזיגוד מינגד התם אמרו שכם נסיב מבגאי גזר אמר (להו) ההוא סבא מפרקיה דרבא שמיע לי מפני שהיה להם לבקש רחמים על דורם ולא בקשו כי הא דההוא גברא דאכליה אריא ברחוק תלתא פרסי מיניה דרבי יהושע בן

---

איינער צום אנדערן פאמעלאך מיט גוטע רייד. אונ אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ידבר עמים תחתינו. ער טוהט פירען דיא פעלקער אונטער אונז. ענטפערט דיא גמרא דבר איז אנדערש דער טייטש. אונ ידבר איז אנדערש דער טייטש. דבר איז דער טייטש הארטע רייד. אונ ידבר איז דער טייטש פירען פאמעלאך מיט גוטע רייד:

יד פיסקא. לפיכך. דריבער פלעגין דיא מוטערס פון דיא כהנים געבין צו דיא רוצחים קליידונג אונ עסין. דיא רוצחים זאלין נישט בעטין אויף זייערע קינדער זייא זאלין שטארבין אזוי וויא עס שטייט אין סימן יו. פרעגט דיא גמרא דאס איז ווייל דיא רוצחים בעטען ניט. אבער אז דיא רוצחים וואלטין בעטין אויף דיא כהנים זייא זאלין שטארבין וואלטין דיא כהנים גישטארבען. עס שטייט דאך אין פסוק אזוי וויא אפויגיל וואס ווערט פאר־וואגילט אונ אזו וויא דער פויגיל דרור פליהט אוועק אזוי וועט אאומזיסטע קללה ניט קומען. אונ דיא קללות וואס דיא רוצחים פלוכין דיא כהנים איז דאך אומזיסטע קללות וועלין זייא דאך ניט מקוים ווערין. וואס האבען דיא מוטערס מורא; האט אאלטער מאן גזאגט דאס האב איך גיהערט פון דיא דרשה פון רבא. דיא קללות זענען ניט קיין אומזיסטע. ווארום דיא כהנים האבען גידארפט בעטין אויף זייער דור עס זאל קיין מענטש ניט גיהרגת ווערין. אונ זייא האבען ניט גיבעטין. איז דאך דורך זייא דער מענטש גיווארין ארוצח אונ זיצט אין דיא ערי מקלט. דריבער אז דער רוצח וואלט אים פלוכין וואלט דיא קללה גיקענט מקוים ווערין; אנדערע זאגן דיא מוטערס פון דיא כהנים האבען גיגעבין צו די רוצחים קליידונג אונ עסין זייא זאלין בעטין אויף זייערע קינדער זייא זאלין ניט שטארבן. פרעגט דיא גמרא אז דיא רוצחים וועלין בעטין וועלין דיא כהנים ניט שטארבען. אבער אז זייא וועלין ניט בעטין וועלין זייא יא שטארבען. פאר וואס זאל דער כהן שטארבן. וואס איז דער כהן שולדיג וואס דער מענטש איז גיהרגת גיווארין. דא אין בבל הט מען גזאגט דעם משל טוביה הט געזינדיגט אונ זיגוד ווערט גישלאגן. אין ארץ ישראל האט מען גזאגט דעם משל שכם האט גענימען דינה אונ האט פון איר הנאה גיהאט. אונ מבגאי זאל זיך מל זיין. דער רוצח האט גיהרגת אמענטשין אונ דער כהן זאל גישטראפט ווערין. האט אאלטער מאן גזאגט דאס האב איך גיהערט פון דיא דרשה פון רבא. דיא שטראף איז ניט קיין אומזיסטע. ווארום דיא כהנים האבען גידארפט בעטין אויף זייער דור עס זאל קיין מענטש ניט גיהרגת ווערין. אונ זייא האבען ניט גיבעטין. איז דאך דער מענטש גיהרגת גיווארין דורך זיי. אזוי וויא עס האט אמאהל גיטראפען אלייב האט אויף גיגעסין אמענטשין. אונ דאס איז גיוועזן דריי מייל ווייט פון רבי יהושע בן לוי. האט אליהו הנביא דריי טעג ניט גישמועסט מיט רבי יהושע בן לוי. ווייל רבי יהושע בן לוי הט גידארפט אלע טאג

בעטין

בן לוי ולא אשתעי אליהו בהדיה תלתא יומין :
**טו אמר** רב יהודה אמר רב קללת חכם אפילו בחנם היא באה מנ״ל מאחיתופל כשכרה דוד שיתין קפא תהומא ובעי למשטפיה לעלמא אמר דוד מי איכא דידע אי שרי למיכתב שם ומשדי בתהומא ונייח ליכא דא״ל ולא מידי אמר כל היודע לומר ואינו אומר יחנק בגרונו נשא אחיתופל ק״ו בעצמו ומה לעשות שלום בין איש לאשתו אמרה תורה שמי שנכתב בקדושה ימחה על המים לעשות שלום על כל העולם כלו עאכ״ו . אמר שרי כתב שם החספא ושדא בתהומא הדר תהומא וקם בדוכתיה . ואפילו הכי כתיב (ש״ב יז) ואחיתופל ראה כי לא נעשתה עצתו וגו׳ ויחנק . א״ר אבהו קללת חכם אפילו על תנאי היא באה מנ״ל מעלי דקאמר ליה עלי לשמואל (ש״א ג) כה יעשה לך אלהים וכה יוסיף אם תכחד ממני דבר ואע״ג דכתיב (שם) ויגד לו את כל הדברים ולא

כשכרה דוד שיתין . יסודות של בה״מ ובתלמוד ירושלמי מלינו תלמיות של בה״מ והוא יסוד בלשון יוני : קפא תהומא . לף התהום ובתלמוד ירושלמי שמלא בה חרס שהגביה קולו ואמר ליה אל תטלני מכאן שאני כובש על התהום מיום מתן תורה שרעדה כל הארץ ולא שמע דוד לדבריו ונטלו : מי שרי למכתב שם . פן ימתקוהו המים ועובר משום ואבדתם את שמם לא תעשון כן לה׳ וגו׳ : נשא אחיתופל ק״ו וכו׳ . יש תימה בדבר שהרי לא קנה דוד הגורן מארונה היבוסי עד מעשה דהסתה שהיתה לאחר מיתת אחיתופל ג׳ שנים ולפי דברים הללו צריכין אנו לומר שאע״פ שלא קנה הגורן היה יודע מנעוריו מיום שגמשח וישבו הוא ושמואל בניות ברמה ודקו בספר יהושע ומלאו מקום לבה״מ כדכתיב עד אמצא מקום לה׳ וגו׳ דריש ליה בזבחים באיזהו מקומן ומפר היסודות ברבותו : ימחה על המים . דכתיב בסוטה ומחה אל מי המרים והרבה אזכרות בפרשה : ואפילו הכי כו׳ . וקללה זו בתנאי היתה שלא היה מקללו אלא אם אינו אמרו (בתנאי היתה שלא הי׳ לו לקללו אם אינו אומר) : אפי׳ על תנאי . ולא נתקיים התנאי אעפ״כ היא באה דהא קללה על תנאי היתה אם תכחד ממני ולא נתקיים שהרי לא כחד ואעפ״כ נתקיימה הקללה דכתיב ובניו לא הלכו בדרכיו וגו׳

בעטין אז קיין מענטש זאל ניט גיהרגת ווערין :

**טו אמר** . רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגין אז אצדיק פלוכט אמענטשין אפילו דאס איז נאר אומזיסט פון דעסטוועגין ווערט מקוים דיא קללה . דס ווייסען מיר פון אחיתופל . ווען דוד המלך האט גינראבען דעם פונדאמענט פון בית המקדש . האט זיך דיא וואסער פון אבגרונד אויף גיהויבען אונ עס האט גיוואלט פארפלייצען דיא וועלט . האט דוד גזאגט טאמער איז דא איינער וואס ווייס אויב מען מעג אויף שרייבען דעם נאמען פון גאט אויף אשארבין אונ אריין ווארפען צום אבגרונד וועט דיא וואסער אראפ צוריק צום אבגרונד . ווארום דוד האט מורא גיהאט טאמער וועט אפ גימעקט ווערין דער נאמען פון גאט אין דיא וואסער . איז ניט גיוועז ווער עס זאל איהם עפעס זאגין . האט דוד גזאגט ווער עס ווייס אונ וויל ניט זאגין . זאל ער דער שטיקט ווערין אין האלדז . האט אחיתופל גילערנט אקל וחומר . מאדאך צוא מאכען שלום צווישען מאן אונ ווייב האט דיא תורה גזאגט מיין נאמען וואס איז געשריבען גיווארין מיט הייליגקייט זאל אפ גימעקט ווערין אויף דעם וואסער . צו מאכען שלום אויף דיא גאנצע וועלט איז דאך געווים אז מען מעג אפ מעקין דעם נאמען פון גאט . האט אחיתופל גזאגט צוא דוד מען מעג . האט דוד אויף געשריבען דעם נאמען פון גאט אויף אשארבין . אונ האט איהם אריין גיווארפען צום אבגרונד . איז דיא וואסער צוריק אראפ צום אבגרונד אונ עס איז געבליבען אויף זיין ארט . אונ דיא קללה איז דאך גיוועזן אומזיסט : ווארום אפילו אחיתופל וואלט ניט וועלין זאגין קומט איהם אויך ניט צו פלוכין . אונ אז אחיתופל האט גזאגט קומט דאך שוין געווים ניט דיא קללה זאל מקוים ווערין . פון דעסטוועגין איז זי מקוים גיווארין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אחיתופל האט גיזעהן זיין עצה איז ניט גיטאהן גיווארין האט ער זיך דער שטיקט . רבי אבהו זאגט אז אצדיק פלוכט אפילו אויף אתנאי אונ דער תנאי איז ניט מקוים גיווארין פון דעסטוועגין ווערט דיא קללה מקוים . דאס ווייסען מיר פון עלי . ווארום עלי האט גזאגט צו שמואל . אזוי זאל גאט טאהן צוא דיר נאזוי וויא מיינע קינדער זענען ניט פרום זאלין דיינע קינדער אויך זיין ניט פרום אונ אזוי זאל ער מערין צו טאהן אויב דו וועסט פון מיר פאר לייקענען איין זאך . אונ עס שטייט אין פסוק שמואל האט אלץ גזאגט צו עלי ער האט פון אים גאר ניט גילייקנט . דארף דאך שוין דיא קללה ניט מקוים ווערין : פון דעסטוועגין איז דיא קללה

מקוים

ולא כחד מטנו ואפילו הכי כתיב (שם ה) ולא הלכו בניו בדרכיו וגו':

(ע"ב) **טז אמר** רב יהודה אמר רב נידוי אפילו על תנאי צריך הפרה מנא לן מיהודה דכתיב (בראשית מג) אם לא אביאנו אליך והצגתיו לפניך וחטאתי לך כל הימים ואמר רב שמואל בר נחמני א"ר יונתן מאי דכתיב (דברים לג) יחי ראובן ואל ימות ויהי מתיו מספר וזאת ליהודה ויאמר כל אותם ארבעים שנה שהלכו ישראל במדבר וכו' (עי' סוטה פ"ק כל המאמר):

(דף יב) **יז אמר** רב יהודה אמר רב שני טעיות טעה יואב באותה שעה שנאמר (מ"א ב) וינס יואב אל אהל ה' ויחזק בקרנות המזבח טעה שאין קולט אלא גגו והוא תפש בקרנותיו טעה שאין קולט אלא מזבח בית עולמים והוא תפש במזבח של שילה. אמר אביי בהא נמי טעה שאין קולט אלא כהן ועבודה בידו והוא זר היה. אמר ריש לקיש

אלא קללה קללו עלי דכתיב כה יעשה לך כמו שעשה לי שאין בני מהוגנין:

[וחטאתי לך. לשון נידוי הוא שיהא מנודה לאביו:

מאי דכתיב יחי ראובן וגו' וזאת ליהודה. מה ראה לסמוך יהודה לראובן ומה ראה להתחיל בברכת יהודה בלשון וזאת ליהודה אלא לפי שהיו עצמות כל השבטים שלהן קיים ושל יהודה מגולגלין אמר לשון זה יחי ראובן כלומר ראובן שלהן קיימת כאילו הוא חי וזאת תהיה ליהודה שהם מגולגלין. עצמות כל השבטים עלו ממצרים ונשאום בניהם במדבר וז"ש יוסף לאחיו והעליתם את עצמותי מזה אתכם עם עצמותיכם]:

טעה יואב בדרשא דמעם מזבחי תקחנו למות ולא מעל מזבחי ומש"ה דרשו שאינו קולט אלא גגו של מזבח שהוא על מזבח ממש והיינו כבר כי תפש בקרנות המזבח היינו על המזבח: בית עולמים. דכתיב מזבחי המיוחד לי: ה"ג והוא תפש במזבח של במה שעשה דוד לפני הארון שהיה באהל אשר נטה לו דוד בעיר דוד כדכתיב וינס יואב אל אהל ה' ומלינו בדברי הימים שעשה דוד מזבח לפניו ואי אפשר לומר מזבח של שילה היה שהוא היה בימי דוד ושלמה בגבעון ולכן אמרינן יום שמת בו עלי כאמר כו ויטוש משכן שילה: שרה של אדום. סמאל שיברח לבצרה שבתחלה יפרע הקב"ה ממנו

---

מקוים געווארן אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די קינדער פון שמואל זענען ניט געגאנגען אין די וועגן פון שמואל:

**טז** אמר. רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגן אז מען איז מחרים א מענטשן אפילו אויף א תנאי אונ דער תנאי איז נישט מקוים געווארן. פון דעסטוועגן דארף מען מתיר זיין דעם חרם: אונ אליין ווערט דער חרם ניט מותר. דאס ווייסען מיר פון יהודה. ווארום עס שטייט אין פסוק יהודה האט געזאגט צו יעקב אויב איך וועל ניט ברענגען בנימין צו דיר אונ איך וועל איהם נישט שטעלן פאר דיר זאל איך זיין זינדיג (אין חרם) צו דיר אלע טעג: אונ דער תנאי איז נישט מקוים געווארן. ווארום יהודה האט געבריינגט זיין ברודער בנימין אונ האט אים געשטעלט פאר יעקב. פון דעסטוועגן איז יהודה געבליבען אין חרם. ווארום רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתנס וועגן עס שטייט אין פסוק ראובן זאל לעבין אונ זאל ניט שטארבן זיינע מענטשן זאלין זיין מיט א צאל. אונ דס איז צו יהודה אונ ער האט געזאגט נאזוי וויא עס שטייט אין דער מסכת סוטה אין ערשטין פרק:

**יז** אמר. רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגן אין צוויא זאכען האט יואב א טעות געהאט אין דער צייט ווען מען האט איהם געוואלט הרגנן. ווארום עס שטייט אין פסוק יואב איז אנטלאפן צום געצעלט פון גאט וצום משכן. אונ ער האט אן גינומען דיא ווינקלען פון מזבח. ער האט געמיינט אז פון דארטין טאר מען אים ניט נעמען צום הרגנן. איין טעות איז געווען אז ער וואלט געשטאנען אויף דעם מזבח וואלט מען אים טאקי ניט געטארט הרגנן. ער איז אבער נאר געשטאנען נעבין מזבח אונ ער האט געהאלטען דיא ווינקלען פון מזבח. נאך א טעות איז געווען אפילו ער וואלט געשטאנען אויף דעם מזבח וואלט מען איהם אויך גימעגט הרגנן. ווארום אז מען שטייט אויף דעם מזבח פון בית המקדש טאר מען איהם ניט הרגנן. אבער אז מען שטייט אויף דעם מזבח פון דעם משכן וואס איז געווען אין שילה מעג מען אים הרגנן. אביי זאגט נאך איין זאך האט יואב א טעות געהאט: אפילו אז מען שטייט אויף דעם מזבח פון בית המקדש. דאס איז נאר אז א כהן שטייט אויף דעם מזבח אונ איז מקריב א קרבן. אים טאר מען ניט הרגנן. אבער אז דער וואס שטייט אויף דעם מזבח איז ניט א כהן מעג מען אים אראפ נעמען פון מזבח אונ הרגנן. אונ יואב איז אויך ניט געווען א כהן. וואס האט אים

גיקענט

שלשה טעיות עתיד שרה של אדום לטעות שנאמר (ישעיה סג) מי זה בא מאדום חמוץ בגדים מבצרה טועה שאינה קולטת אלא בצר והוא גולה לבצרה טועה שאינה קולטת אלא אדם והוא מלאך טועה שאינה קולטת אלא שוגג והוא מזיד :

(פ"ב) **יח משנה** כיוצא בו רוצח שגלה לעיר מקלטו ורצו אנשי העיר לכבדו יאמר להם רוצח אני אמרו לו אעפ"כ יקבל מהם שנאמר (דברים יט) וזה דבר הרוצח.

כשיגיע קץ אדום ליחרב כדכתיב יפקוד על צבא המרום במרום ואח"כ ועל מלכי האדמה באדמה : חמוץ בגדים מדמו של סמאל ואע"פ שאין המלאכים בשר ודם כתב בו הכתוב כעין סריגת אדם לשבר את האוזן מה שהיא יכולה לשמוע : אם אמרו לו אעפ"כ . אני רוצה לכבדך יקבל מהם : בקרנא דאומנא . מקיז דם בקרן במלאכה :

כמה טפשאי שאר אינשי . כמה שוטים הללו מה

# אלו הן הלוקין פרק שלישי

(דף טז ע"ב) **א אמר** ר' אחא המשהה את נקביו עובר משום (ויקרא יא) אל תשקצו את נפשותיכם , א"ר ביבי בר אביי האי מאן דשתה מיא בקרנא דאומנא קא עבר משום אל תשקצו את נפשותיכם :

(דף כב) **ב אמר** רבא כמה טפשאי שאר אינשי דקיימי קמי ספר תורה ולא קיימי מקמי גברא רבא דאילו בספר תורה כתיב ארבעים ואתו רבנן ובצרי

---

געקענט העלפין דעם מזבח . רייש לקיש זאגט דער שר פון אדום וועט אטעות האבע' אין דריי זאכען . ווען עס וועט קומען דער סוף אדום זאל חרוב ווערין . וועט פריער גאט הרגנן דעם שר פון אדום . אונ דער שר פון אדום וועט אנטלויפען אין בצרה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווער איז דער וואס קומט פון אדום וראס מיינט מען גאט וואס זיינע קליידער זענען בעשפריצט מיט בלוט וואס ער האט גיהרגת דעם שר פון אדום אין בצרה . אונ דער שר וועט אטעות האבען איין מאל די שטאט בצר נעמט צו דעם רוצח מען זאל איהם ניט מעגין הרגנן אונ ער איז גילאפען אין דיא שטאט בצרה . דער אנדערער טעות איז דיא שטאט נעמט נאר צו אמענטשין . אבער ניט אים וואס ער איז אמלאך . דער דריטער טעות איז דיא שטאט נעמט נאר צו דעם רוצח ווס הט גיהרגת אומגעריין . אבער ער הט דאך גיהרגת מטווילינ :

**יח** משנה : כיוצא בו . נאך אזוי אגלייכען האבען מיר גיהערט ארוצח וואס איז פאר טריבען גיווארן אין דיא שטאט וואס ער דארף דארט זיין בעהאלטען . אונ דיא מענטשין פון שטאט ווילען איהם געבין כבוד . זאל ער צו זייא זאגן איך בין ארוצח . אונ אויב די מענטשין פון שטאט זאגן צו אים אפילו דוא ביסט ארוצח . פון דעסטוועגין ווילען מיר דיר געבין כבוד . זאל ער אן נעמען פון זיי כבוד . ווארום עס שטייט אין פסוק וזה דבר הרוצח . ער דארף רייךן אונ זאגן אז ער איז ארוצח :

## פרק שלישי

**א** אמר . רבי אחא זאגט דער ווס דארף ארויס גיין אונ ער האלט אויף זיין ארויס גאנג : איז ער עובר אויף אלאו איר זאלט ניט פאר מיאוסען איערע לייבער . ווארום אז מען דארף ארויס גיין אונ מען גייט ניט ארויס ווערט פאר מיאוסת דער גוף . רב ביבי בר אביי זאגט דער וואס טרינקט וואסער אין אבאנקע וואס מען ציהט מיט איר בלוט פון אמענטשין איז ער עובר אויף אלאו איר זאלט ניט פאר מיאוסען איערע לייבער . ווארום די כלי איז אלע מאהל מיאוס פון דעם בלוט :

**ב** אמר . רבא זאגט וויא נארעש זענען דיא מענטשין וואס זייא שטייען אויף פאר אספר תורה אונ זייא שטייען ניט אויף פאר אלמדן . אונ איר זאלט ניט זאגן אז דער עיקר איז די ספר תורה . ווארום דער למדן זאגט נאר וואס אין דיא ספר תורה שטייט . אונ אז זיי זאגן אמאהל

אנייעם

כני אדם : ובצרי חרא :

ג פיסקא רב יהודה אומר מ' שלמות וכו' א"ר יצחק מ"ט דר"י דכתיב (זכריה יג) מה המכות האלה בין ידיך ואמר אשר הכיתי בית מאהבי ורבנן ההוא בתינוקות של בית רבן הוא דכתיב :

ד משנה כיצד מלקין אותו וכו' והקורא קורא (דברים כח) אם לא תשמור לעשות וגו' והפלא ה' את מכותך ואת מכות וגו' וחוזר לתחלת המקרא (שם כט) ושמרתם את דברי הברית הזאת וגו' וחותם (תהלים עח) והוא רחום יכפר עון ג' וחוזר לתחלת המקרא :

(דף כג) ה אמר רב ששת משום ר' אלעזר בן עזריה מנין לרצועה שהיא של עגל שנאמר (דברים כה) ארבעים יכנו לא יוסיף וסמיך ליה
לא

---

צַנַייֶעם דִין הָאבֶּען זַייא נָאר גִימֶערְט אוֹיף דִיא רֵייד פוּן דֶער סֵפֶר תּוֹרָה. אוּנ מֶען אָדֶער שְׁוֶוערֶער מַאכֶען קֶען דָאךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ . וָואס אִיז דִיא מַעֲלָה פוּן דֶעם תַּלְמִיד חָכָם. נַיין מִיר זֶעהֶן אַז דִיא חֲכָמִים מַאכֶען אַמָאהל נָאךְ גְרִינְגֶער פוּן וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה . ווָארוּם אִין דֶער סֵפֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט מֶען זָאל שְׁלָאגֶן פֶערְצִיג מַלְקוֹת אוּנ דִיא רַבָּנָן זָאגֶן אֵיינְס וֶוענִיגֶער . נָאר נַיין אוּנ דְרַייסִיג . וִויא אַזוֹי קֶענֶען דִיא חֲכָמִים זָאגֶן אַנְדֶערְשׁ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער סֵפֶר תּוֹרָה . גֶעוִויס הָאט גָאט גִזָאגְט אוּיס וֵוייניג דֶעם פְּשָׁט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּנ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גִזָאגְט צוּא יְהוֹשֻׁעַ אוּנ יְהוֹשֻׁעַ הָאט גִזָאגְט וַוייטֶער בִּיז צוּ דֶעם דוֹר. זֶענֶען דָאךְ דִיא רֵייד פוּן דִיא חֲכָמִים אוֹיךְ אַתּוֹרָה פוּן גָאט דַארְף מֶען דָאךְ פַר זֵיי אוֹיךְ אוֹיף שְׁטֵיין :

ג פיסקא. רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט מֶען זָאל שְׁלָאגֶן פֶערְצִיג מַלְקוֹת . דְרַייצֶען מַלְקוֹת פוּן פָארוּנְט ; דְרַייצֶעהֶן מַלְקוֹת אוֹיף אֵיין אַקְסִיל . אוּנ נָאךְ דְרַייצֶעהֶן מַלְקוֹת אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין אַקְסִיל . אִיז נַיין אוּנ דְרַייסִיג מַלְקוֹת . דֶעם לֶעצְטִין שְׁמִיץ גִיט מֶען אִים צְוִוישֶׁען דִיא אַקְסְלֶען . הָאט רַבִּי יִצְחָק גְזָאגְט פַאר וָואס זָאגְט רַבִּי יְהוּדָה פֶערְצִיג מַלְקוֹת . ווָארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֶען הָאט גִיפְרֶעגְט בַּיי אֵיינֶעם וָואס זֶענֶען דִיא שְׁלֶעק וָואס דוּא הָאסְט צְוִוישֶׁען דַיינֶע הֶענְט (צְוִוישֶׁען דִיא אַקְסְלֶען) . הָאט עֶר גֶיעֶנְטְפֶערְט דָאס הָאט מֶען מִיךְ גִישְׁלָאגֶען אִין דִיא שְׁטוּב פוּן מַיין גוּטֶען פְרַיינְד (בֵּית דִין הָאבֶּען מִיךְ גִישְׁלָאגֶן מַלְקוֹת פוּן מַיין טוֹבָה וֶועגִין - מִיר זָאל גוּט זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא) . אָבֶּער אִין דֶעם פָּסוּק שְׁטֵייט אַז מֶען הָאט גִישְׁלָאגֶען צְוִוישֶׁען דִיא אַקְסְלֶען . דָאס אִיז דָאךְ וִויא רַבִּי יְהוּדָה וָואס עֶר זָאגְט אַז דֶעם פֶערְצִיגְסְטֶען שְׁמִיץ הָאט מֶען גִישְׁלָאגֶען צְוִוישֶׁען דִי אַקְסְלֶען : אוּנ דִיא רַבָּנָן זָאגֶן דֶער פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט גָאר נִיט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס מֶען הָאט אִים גִישְׁלָאגֶן מַלְקוֹת בַּיי בֵּית דִין . דֶער פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט פוּן דִיא קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּנ דֶער רֶבִּי הָט אִים גִישְׁלָאגֶן . אוּנ מֶען פְרֶעגְט דֶעם קִינְד וָואס זֶענֶען דִי צֵייכֶנְס פוּן דִי שְׁלֶעק וָואס צְוִוישֶׁען דַיינֶע הֶענְט ; אוּנ דֶער קִינְד עֶנְטְפֶערְט דָאס הָאט מֶען מִיךְ גִישְׁלָאגֶן אִין דִיא שְׁטוּב (אִין חֵדֶר) פוּן מַיין גוּטֶען פְרַיינְד (פוּן מַיין רֶבִּי וָואס עֶר אִיז מַיין גוּטֶער פְרַיינְד) עֶר לֶערְנְט מִיט מִיר תּוֹרָה :

ד משנה. כֵּיצַד וִויא אַזוֹי הָאט מֶען גִישְׁלָאגִין מַלְקוֹת ; אֵיין דַיָּין הָאט גִילֵייעֶנְט דִי פְּסוּקִים אִם לֹא תִשְׁמוֹר לַעֲשׂוֹת . וְהִפְלָא יְיָ אֶת מַכּוֹתְךָ וְאֶת מַכּוֹת . אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער דַיָּין הָאט גִיצֵיילְט דִיא מַלְקוֹת . אוּנ דֶער דְרִיטֶער דַיָּין הָאט גִידַארְפְט זָאגִין צוּ יֶעדֶער שְׁמִיץ שְׁלָאג ; אוּנ אוֹיבּ דֶער עֶרְשְׁטֶער דַיָּין הָאט שׁוֹין אָפּ גִילֵייעֶנְט דִיא פְּסוּקִים אוּנ מֶען דַארְף נָאךְ שְׁלָאגִין . הֵייבְּט עֶר אָן נָאךְ אַמָאהל צוּ לֵייעֶנֶען פוּן אָנְהֵייבּ פָּסוּק . אוּנ עֶר לֵייעֶנְט דֶעם פָּסוּק וּשְׁמַרְתֶּם אֶת דִבְרֵי הַבְּרִית הַזֹּאת . אוּנ עֶר לָאזְט אוּיס מִיט דֶעם פָּסוּק וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן :

ה אָמַר . רַב שֵׁשֶׁת הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָהם וֶועגִין פוּן וָואנֶען וֵוייסִין מִיר אַז דֶער פַּאס וָואס מֶען שְׁלָאגְט מִיט אִיהם מַלְקוֹת מוּז זַיין פוּן קַאלְבּ לֶעדֶער וָואס דָאס אִיז וַוייל
עם

(שם) לא תחסום שור בדישו . ואמר רב ששת (א"ר אליעזר) [משום ר' אלעזר בן עזריה] מנין ליבמה שנפלה לפני מוכה שחין שאין חוסמין אותה ת"ל לא תחסום שור בדישו וסמיך ליה כי ישבו אחים יחדו וגו' . ואמר רב ששת משום ר' אלעזר בן עזריה כל המבזה את המועדות כאילו עובד ע"ז שנאמר (שמות לד) אלהי מסכה לא תעשה לך וסמיך ליה את חג המצות תשמור . ואמר רב ששת משום ר"א בן עזריה כל המספר לשון הרע וכל המקבל לשון הרע וכל המעיד עדות שקר ראוי להשליכו לכלבים שנאמר (שם כב) לכלב תשליכון אותו וסמיך ליה
לא

שאין חוסמין. אין נוטרין כו' שלא תאמר אי אפשי בו: את המועדות. חול של מועד (שאסור לעשות מלאכה): את חג המצות תשמור. מפרש בחגיגה הא ראשון ושביעי הרי כבר אמור הא לא הזהיר אלא על חוה"מ שאסור בעשיית מלאכה:

---

עס זאל דעם מענטשין ניט מאכין קיין שאדין ; ווארום עס שטייט אין פסוק מען זאל איהם שלאגין פערציג מלקות נישט מער . באלד נעבין דעם פסוק שטייט מען זאל נישט פאר מאכין דיא מויל פון אקס ווען ער דרעשט תבואה. ווי קומט דער דין פון אקס צום דין פון מלקות . נאר צו ווייזען מאדאך גאט האט רחמנות אויף אבהמה. האט ער דאך אויף אמענטשין געווים רחמנות . דריבער אפילו דער מענטש האט געזינדיגט אונ מען שלאגט איהם מלקות . פון דעסטוועגין האט גאט אויף איהם רחמנות מען זאל איהם שלאגין מיט אווייכע זאך . נאך האט רב ששת גיזאגט פון רבי אלעזר בן עזריהם וועגין דער דין איז אז עס איז גיוועזן צוויי ברידער ראובן אונ שמעון . אונ ראובן איז גישטארבין אן קינדער . דארף שמעון חתונה האבין מיט ראובנ'ס ווייב . אונ זיא טאר ניט נעמען קיין אנדער מאן . וויא איז אבער אז שמעון האט אפארך . פון וואנען ווייסען מיר אז מען טאר זיא ניט גייטין . זיא זאל חתונה האבין מיט שמעון . שטייט אין פסוק זאלסט נישט פאר מאכין דיא מויל פון איין אקס ווען ער דרעשט תבואה ; באלד נעבין דעם פסוק שטייט אז ברידער וועלען זיין בעזאמען אונ איינער וועט שטארבין אן קינדער זאל איינער פון דיא ברידר חתונה האבין מיט דעם גישטארבענעם ברודערס ווייב . וויא קומט דער דין פון אקס צו דעם דין פון דיא ברידער . נאר צו ווייזין אזוי וויא גאט האט רחמנות אויף אבהמה . אזוי זאל מען רחמנות האבין אויף אמענטשין געווים . אונ אז דיא ווייב קען ניט וואוהנען מיט דעם מאן . זאל מען איהר ניט גייטין . נאך האט גיזאגט רב ששת פון רבי אלעזר בן עזריהם וועגין דער וואס פאר שעמט דעם חול המועד פון פסח אונ פון סוכות ודיא טעג פון חול המועד זענען ביי איהם פראכטע וואכעדיגע טעג . ער גייט אין וואכעדיגע קליידער אונ עסט אזוי וויא אין דער וואכין אונ ארבעט אזוי וויא אין אוואכעדיגען טאג . איז גלייך וויא ער וואלט געדינט עבודה זרה . ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט פאר דיר ניט מאכין אגיגאסענעם גאט . נעבין דעם פסוק שטייט דוא זאלסט היטען דעם יום טוב פון מצות . וועלכע טעג מיינט דער פסוק . איך זאל זאגין מען מיינט דעם ערשטין טאג אונ דעם לעצטין טאג . עס שטייט דאך שוין אז דיא צווייא טעג טאר מען ניט ארבעטין אונ עס איז יום טוב . נאר געווים מיינט מען דיא טעג חול המועד . אונ וויא קומט דער פסוק פון עבודה זרה צום פסוק פון חול המועד . צו זאגין אז דער וואס האלט ניט הייליג חול המועד איז אסימן אז ער גלויבט ניט דיא נסים פון גאט אונ ער גלויבט ניט אז גאט האט אונז ארויס גינומען פון מצרים, וועט ער דאך דינען עבודה זרה . נאך האט רב ששת גיזאגט פון רבי אלעזר בן עזריהם וועגין דער וואס דער צייליט לשון הרע : אונ דער וואס זאגט פאלשע עדות . איז ער ווערט מען זאל איהם ארויס ווארפין פאר די הינט . ווארום עס שטייט אין פסוק צום הונט זאלט איהר איהם ארויס ווארפין . אונ נעבין דעם פסוק שטייט לא תשא שמע שוא (דוא זאלסט ניט טראגין אין דיין מויל פאלשע רייד צו מאכין הערין דיין חבר . אונ צו דעם חבר זאגט מען דוא זאלסט ניט פאר נעמען דיא פאלשע רייד וואס דיין חבר וועט צו דיר ריידין) ; ווארום אויף תשא מאכט דר תרגום תקבל . פאר נעמען . נאך שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט טאהן דיין האנט מיט ארשע צו זיין

אפאלשער

אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס. היינו מעיד עדות שקר:

עאכ"ו שתנתן לו נפשו. דמדה טובה מרובה ממדת פורענות אחד מחמש מאות דבמדת פורענות כתיב פוקד עון אבות על בנים על שלשים ועל רבעים ובמדה טובה הוא אומר נוצר חסד לאלפים: (בספרי כתוב) שנאמר. אחר כל העריות ונכרתו הנפשות הרי חייב כרת על הנכשל בהם וכן חייב לנמנע מהם דכתיב קודם עריות ושמרתם את חקותי וגו' אשר יעשה אותם האדם וחי בהם ומוקי ליה איש איש אל כל שאר בשרו דמשמע למי שעושה חקותי אני נותן לו חיים ואלו הן חקותי

לא תשא שמע שוא אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס וקרי ביה לא תשיא:

ו פיסקא ושתי רצועית עולות ויורדות בה. תנא ושל חמור. כדדריש ההוא גלילאה עליה דרב חסדא (ישעיה א) ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו ישראל לא ידע אמר הקב"ה יבא מי שמכיר אבוס בעליו ויפרע ממי שאינו מכיר אבוס בעליו:

ז משנה כל חייבי כריתות שלקו נפטרו מידי כריתתן שנאמר (דברים כה) ונקלה אחיך לעיניך כיון שלקה הרי הוא אחיך דברי ר' חנניא בן גמליאל. וא"ר חנניא בן גמליאל ומה אם העובר עבירה אחת נפשו ניטלת לו עליו העושה מצוה אחת על אחת כמה וכמה שתנתן לו נפשו. רבי (ישמעאל) [שמעון] אומר ממקומו הוא למד שנאמר (ויקרא יח) ונכרתו הנפשות העושות מקרב עמם ואומר (שם) ותי

---

אפאלשער עדות מען זאל ביא איינעם גזלן געלט. וויא קומען דיא צוויא פסוקים איינער געבין אנדערין. צו זאגין אזוי וויא דיא נבלה זאל מען ארוים ווארפין צום הונט. אזוי זאל מען דיא דבריא פאלשע מענטשין אויך ארוים ווארפען צום הונט ודיא פיר ווערטער "וקרי ביה לא תשיא". דארפין ניט שטיין. ועיין רשב"ם פרק ערבי פסחים:

ו פיסקא. ושתי. אונ צוויי דינע פאסען האט מען אריין גיצויגען אין דעם גראבין פאס אונ דורך גיפראכטען. איין עק פאס הט ארוים גישטעקט פון דעם גראבין פאס פון אונטען אונ איין עק פאס האט ארוים גישטעקט פון דעם גראבין פאס פון הויבין. מיר האבען גילערונט דיא צוויי דינע פאסען זענען גיוועזען פון אאייזיל פעל: אזוי וויא איינער פון גליל האט גידרשת פאר רב חסדא עס שטייט אין פסוק דער אקס דער קענט דעם בעל הבית ווער עס האט איהם גיקויפט. אונ דער אייזיל וויים אז דאס עסין וואס עס ליגט אין דיא קארעטע האט אריין גילייגט אבעל הבית. אבער יודין ווייסען ניט אז זייער עסין האבען זייא פון גאט. אונ זיי קענען אים ניט. הט גאט גזאגט זאל קומען דער אקס אונ דער אייזיל וום זייא קענען אונ ווייסען זייער בעל הבית אונ זייא זאלן שטראפין דעם מענטשין וואס ער קען ניט אונ וויים ניט זיין בעל הבית. אונ דריבער זינדיגט ער צו אים. אונ דריבער האט מען אים גישלאגען מיט אפאס פון צוויי ערליי פעל פון אקאלב אונ פון אאייזיל:

ז משנה. כל. דיא אלע מענטשין וואס קומט זייא כרת. אויב מען האט זייא גישלאגין מלקות. אונ זייא האבין גיטאהן תשובה. זענען זייא שוין פטור פון דיא כרת. ווארום עס שטייט אין פסוק דיין ברודער וועט ווערין פאר שעמט פאר דיינע אויגין. ווי ער איז פאר שעמט גיווארין דורך דיא מלקות. וואס מען האט איהם גישלאגין. איז ער שוין וויא דיין ברודער. אזוי איוד וויא דוא ביזט. אזוי זאגט רבי חנניא בן גמליאל. נאך האט רבי חנניא בן גמליאל גיזאגט אזוי וויא מיר זעהן אז איינער טוהט אעבירה שטעלט ער איין זיין לעבין. ווארום מען וועט דאך איהם שלאגין מלקות פאר דיא עבירה. אונ דער דאקטאר וואס וועט איהם שאצין וויא פיל שמיץ ער וועט קענען אוים האלטען טאמער וועט ער אטעות האבין. למשל דער דאקטאר וועט זאגין ער קען אוים האלטין צוואנציג שמיץ. אונ ער וועט נאר קענען אוים האלטען פופצעהן שמיץ. אונ דורך דיא איבעריגע פינף שמיץ וועט ער שטארבין. האט ער דאך פאר לארין זיין לעבין דורך די עבירה. אז איינער טוהט אמצוה איז געווים אז זיין לעבן דארף איהם גישיינקט ווערין. רבי שמעון זאגט פון דעם זעלביגען ארט ווא עס שטייט אז עס קומט כרת אויף עבירה. קענן מיר אפ לערנען אז מען טוהט ניט קיין עבירה איז גלייך וויא מען טוהט אמצוה. ווארום עס שטייט אין פסוק עס וועלין פאר שניטען ווערין די נפשות וואס

טוהען

ע"כ) וחי בהם הא כל היושב ואינו עובר עבירה נותנין לו שכר כעושה מצוה רבי שמעון ברבי אומר (דברים יב) רק חזק לבלתי אכול הדם כי הדם הוא הנפש (ואומר (שם) לא תאכלנו למען ייטב לך ולבניך) ומה אם הדם שנפשו של אדם קצה ממנו הפורש ממנו מקבל שכר גזל ועריות שנפשו של אדם מתאוה להם ומחמדתן הפורש ממנו עאכ"ו שיזכה לו ולדורותיו ולדורות דורותיו עד סוף כל הדורות. ר' חנניא בן עקשיא אומר רצה הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצות שנאמר (ישעיה מב) ה' חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר:

היה איש אל כל שאר בשרו הא למדת כל מי שיושב ואינו עובר וכו': לזכות את ישראל. כדי שיהיו מקבלים שכר למי שמונע מן העבירות לפיכך הרבה להם מצות שלא היה צריך לצוות כמה מצות וכמה אזהרות על שקצים ורמשים ונבלות שאין לך אדם שאינו קץ בהם אלא כדי שיקבלו שכר על שפורשים מהם:

מקרא מגילה. דהיינו על מקרא מגילה: ושאילת שלום בשם. ואין כאן הוצאת השם

**ח אמר** ר' יהושע בן לוי שלשה דברים עשו בית דין של מטה והסכימו בית דין של מעלה על ידן. אלו הן מקרא מגילה ושאילת שלום בשם והבאת מעשר. מקרא מגילה דכתיב (אסתר ט) קימו וקבלו היהודים קיימו למעלה מה שקבלו למטה. שאילת שלום בשם דכתיב (רות ב) והנה בועז בא מבית

---

טוהען דיא עֲבֵירוֹת. נאך זאגט דער פָּסוּק דאס וועגען דיא מִצְוֹת וואס אַמענטש וועט זיי טאהן אונ וועט לעבען דורך זייא. באלד דער געבין שטייט אין פָּסוּק מען זאל ניט מְזַנֶה זיין. צו ווייזין וועלכע וועגען דיא מִצְוֹת וואס אַמענטש וועט דורך זייא לעבין. אַז ער וועט ניט טאהן קיין עֲבֵירָה. פון דאנען וו יִכין מיר אויב עס האט גיטראפען אַמענטשין צו טאהן אַעֲבֵירָה. אונ ער איז גיזעסין אונ האט ניט גיטאהן דיא עֲבֵירָה. גיט מען איהם שְׂכַר גלייך וויא ער וואלט גיטאהן אַמִצְוָה. רַבִּי שִׁמְעוֹן בְּרַבִּי זאגט עס שטייט אין פָּסוּק דו זאלסט דיך שטארקין ניט צו עסין בְּלוּט. ווארום בְּלוּט איז דאס לעבין פון דיא בְּהֵמָה. אויב בְּלוּט וואס דער מענטש מיאוסט זיך צו עסין בְּלוּט. אַז דיא תּוֹרָה וואלט ניט זאגין ער זאל ניט עסין בְּלוּט. וואלט ער אויך ניט גיגעסין. פון דעסטוועגין דער וואס שיידט זיך אָפּ פון בְּלוּט אונ עסט ניט נעמט ער שְׂכַר. אַזוי ווי עס שטייט אין פָּסוּק עס זאל גוט זיין צו דיר אונ צו דיינע קינדער ביז אייביג. צום גַזְלָן אונ מְזַנֶה זיין וואס אַמענטש גְרוּסט צו דעם. דער וואס שיידט זיך אָפּ פון זייא. ער גַזְלֶת ניט אונ ער איז ניט מְזַנֶה. ווייל נאט הייסט ניט. איז געווים אַז ער וועט זוכה זיין פאר זיך אונ פאר זיינע קינדער אונ פאר זיינע קינדערס קינדער ביז אייביג. רַבִּי חֲנַנְיָה בֶּן עֲקַשְׁיָא זאגט גאט האט גיוואלט דיא יודין זאלין זוכה זיין צו עוֹלָם הַבָּא. דריבער האט ער זייא גיגעבין פיל תּוֹרָה אונ מִצְוֹת. אַזוי וויא עס שטייט אין פָּסוּק ווייל גאט איז גוט דריבער האט ער גיוואלט געבין צו די יודין אַגרויסע תּוֹרָה אונ אַשטארקע מיט פיל מִצְוֹת:

**ח** אָמַר. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זאגט דריי זאכען האבען גיטאהן דער בֵּית דִין אונטען אויף דער וועלט. אונ דער בֵּית דִין פון הימעל האבען גיזאגט אַז זייא האבען גוט גיטאהן. דאס זענען דיא דריי זאכען. מען זאל לייענען דיא מְגִילָה. אונ איין מענטש מעג בענטשין זיין חָבֵר מיט דעם נאמען פון גאט. אונ דיא מַעֲשֵׂר זאל מען ברייגגען אין בֵּית הַמִקְדָשׁ. ווארום עס איז גיוועזין לַוִים וואס האבען געדינט עֲבוֹדָה זָרָה אונ פלעגין גיין אין דיא שייערין געסען מַעֲשֵׂר. דריבער האט מען גימאכט מען זאל ברייגגען דיא מַעֲשֵׂר אין בֵּית הַמִקְדָשׁ. אונ אין בֵּית הַמִקְדָשׁ האט מען צו טיילט דיא מַעֲשֵׂר צו די פרומע לַוִים. פון וואנען ווייסען מיר אַז דעם בֵּית דִין פון הימעל איז גיפעלין מען זאל לייענען דיא מְגִילָה. ווארום עס שטייט אין פָּסוּק קִיְמוּ וְקִבְּלוּ הַיְהוּדִים. מען איז בעשטאנען אין הימעל אויף דער מְגִלָה לייענען וואס דיא יודין האבען אויף זיך גענומען אונטען אויף דער וועלט. פון וואנען ווייסען מיר אַז אמענטש מעג בענטשין זיין חָבֵר מיט דעם נאמען פון גאט. ווארום עס שטייט אין פָּסוּק בּוֹעַז איז גיקומען פון בֵּית לֶחֶם. אונ ער האט גיזאגט צו דיא שניטער ווּס האבען געשניטען זיינע תְּבוּאָה. גאט

זאל

מבית לחם ויאמר לקוצרים ה' עמכם ואומר (שופטים ו) ה' עמך גבור החיל מאי ואומר וכי תימא בועז הוא דעבד מדעת ה ומן שמיא לא אסכימו על ידיה תא שמע ה' עמך גבור החיל. הבאת מעשר דכתיב (מלאכי ג) הביאו את כל המעשר אל בית האוצר ויהי טרף וגו' (שם) והריקותי לכם ברכה עד בלי די אמר (רב חמא אמר רב) [רמי בר רב] עד שיבלו שפתיתיכם מלומר די:

**מ אמר** ר' אלעזר בשלשה מקומות הופיע רוח הקדש בבית דינו של שם ובבית דינו של שמואל ובבית דינו של שלמה. בבית דינו של שם דכתיב (בראשית לח) ויכר יהודה ויאמר צדקה ממני וגו' מנא ידע דילמא כי היכי דאזיל איהו לגבה אזיל נמי איניש אחרינא לגבה יצתה ב"ק ואמרה ממני יצאו כבושים. בבית דינו של שמואל דכתיב (ש"א יב) הנני ענו בי נגד ה' ונגד משיחו וגו' ויאמר אליהם עד

פירוש

לנפלה: שנאמר ויאמר לקוצרים ה' עמכם. והסכימו ב"ד של מעלה על ידו דקאמר ליה מלאך לגדעון ה' עמך גבור החיל: והבאת מעשר. לבית המקדש כדי שלא יקבלו לוים שאינם הגונים אית מאת מכרו ולא יחלקום לעובדי ע"ז דכתיב בדברי הימים ובפרוץ הדבר והקנה הזקים הואי להכין לכמות בבית המקדש להביא את כל המעשרות כהן כדי שלא יקבלום הלוים עובדי ע"ז דכתיב בתם ויאמר חזקיהו להכין לשכות בבית ה' והסכים הקב"ה על ידו דכתיב במלאכי: הביאו את כל המעשר אל בית האוצר. כדי שלא יטלום הלוים שאינם הגונים שלא רצו לעלות עם עזרא. ע"כ פי' הרמ"ה ז"ל:

הופיע. נגלה והוכיח כבעה בהוכך פרזי"ר בלעז. ל"א הופיע נשמעת בקול גדול: בבית דינו של שם. לא היה שם הי אותו שעה בהרי מת אלא בית דינו שלאחריו הבר"ו ותלמידיו וקרי ליה ב"ד של שם כמו בית שמאי בית הלל: ממני יצאו כבושים. דברים נעלמים הללו יצאו מאתי רצה הקב"ה שעתידין לצאת ממנה מלכים ונביאים שנאמר גור אריה יהודה וכן בתמר כדאמריק בכתובות כל כלה שצנועה בבית חמיה וכו' זימן הקב"ה מבין ביכסם. ליפגא אחרינא מאתי היתה ביאתו של בנים הללו לכבוש העולם שהרי עתיד דוד ומבית גלאת ממנה: בית דינו של שמואל: נמי לעולם ישראל אמרו עד והאי דכתיב ויאמר בני ישראל מיקרי יחיד:

---

זאל זיין מיט איך. נאך שטייט אין פסוק דער מלאך האט גזאגט צו גדעון גאט איז מיט דיר דוא שטארקער העלד. פרעגט דיא גמרא צו וואס ברייננט מען דעם אנדערין פסוק. ווארום טאמער וועסטו זאגין בועז האט טאקי אזוי גיטאהן. ער האט גיבענשט זיינע שניטערס מיט דעם נאמען פון גאט, אבער אין הימעל האט מען ניט מיט געשטימט צו דעם וואס בועז האט גיטאהן. דריבער ברייננט מען דעם אנדערין פסוק אז דער מלאך האט גזאגט צו גדעון גאט איז מיט דיר דוא שטארקער העלד. האט דער מלאך אויך דער מאנט דעם נאמען פון גאט צו בענטשין א מענטש. איז דאך געווים אז מען היסט אזוי אין הימעל. מען זאל ברייננגען דיא מעשר אין בית המקדש. ווארום עם שטייט אין פסוק איר זאלט ברייננגען דיא מעשר אין דיא שפייכלערס פון בית המקדש. וועל איך אויף אייך אוים גיסען ברכות ביז בלי די. וואס איז דער טייטש בלי די. רמי בר רב האט גזאגט ביז אייערע לעפצין וועלין מיד ווערין צוא זאגין גענוג:

**מ** אמר. רבי אלעזר האט גזאגט אין דריי ערטער איז גיוועזן רוח הקודש. בייא דעם בית דין פון שם דער זוהן פון נח. אונ ביי דעם בית דין פון שמואל הנביא. אונ ביי דעם בית דין פון שלמה המלך. וואס איז גיוועזן ביי דעם בית דין פון שם. ווארום עם שטייט אין פסוק יהודה האט דער קענט אונ ער האט גזאגט תמר איז גירעכט זיא איז מעוברת פון מיר. פון וואנען האט ער געוואוסט אז זיא איז מעוברת פון אים, טאמער אזוי וויא זיא האט מזנה גיוועזן מיט יהודה האט זיא מזנה גיוועזן מיט איין אנדערין אונ זיא איז מעוברת גיווארן פון יענעם. איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל אונ האט גזאגט דיא פאר בארגענע זאכען זענען ארוים גיגאנגען פון מיר. איך האב אזוי גיהייסען אז יהודה זאל זיך בהעפטין מיט תמר אונ זיא זאל פון אים מעוברת ווערין. אונ זיא האט ניט מזנה גיוועזן מיט קיין אנדערין. אונ פון דיא קינדער וואס תמר וועט האבען פון יהודה. וועט גיבארן ווערין דוד המלך אונ משיח: צוא וואס איז גיוועזן דער רוח הקודש ביי דעם בית דין פון שמואל הנביא. ווארום עם שטייט אין פסוק שמואל האט גזאגט צו דיא יודין דא בין איך זאגט אויף מיר פאר גאט אונ פאר דיין גיזאלבטין מלך ודאס איז שאול). וואס פאר אונרעכט איך האב אייך גיטאהן. האבען די יודין

גיזאגט

עד ה' בכם ועד משיחו היום הזה כי לא מצאתם בידי מאומה ויאמר עד ויאמרו מיבעי ליה יצתה ב"ק ואמרה אני עד בדבר זה . בבית דינו של שלמה

רמ"ח מצות עשה . דכל אבר ואבר אומר לו עשה מצוה : שס"ה מצות לא תעשה . כמזכירים עליו בכל יום ויום שלא לעבור : מפי משה תרי"ג.

דכתיב (מ"א ג) ויען המלך ויאמר תנו לה את הילד החי והמת לא תמיתוהו היא אמו מנא ידע דילמא איערומי קא מערמא יצאת ב"ק ואמרה היא אמו . אמר רבא ממאי דילמא יהודה כיון דחשיב יומי וירחי ואתרמי ליה דחזינן מחזקינן דלא חזינן לא מחזקינן . שמואל נמי דכולהו ישראל קרי להו בלשון יחיד דכתיב (ישעיה מה) ישראל נושע בה' . שלמה נמי הא מרחם קא מרחמנא והא לא קא מרחמנא אלא גמרא :

י דרש ר' שמלאי תרי"ג מצות נאמרו לו למשה בסיני שס"ה לאוין כמנין ימות החמה רמ"ח עשה כנגד איבריו של אדם אמר רב המנונא מאי קראה

---

גיזאגט צו שמואל דוא האסט קיין אונרעכט געטאהן געגין אינז . האט שמואל געזאגט צו דיא יודין דאס איז אעדות אויף אייך אונ זיין געזאלבטער מלך איז אעדות היינטיגען טאג אז איר האט ביי מיר ניט געפונען קיין שלעכטע זאך געגין אייך . האט ער געזאגט איך בין אעדות . האט דאך געדארפט שטיין זייא האבען געזאגט ודיא יודין האבען געזאגט מיר זענען עדות . נאר עס איז ארוים געגאנגען אקול פון הימעל אונ האט געזאגט איך בין אעדות אויף דער זאך אז שמואל האט צו דיא יודין ניט געטאהן קיין שלעכטס . צו וואס איז געוועזן דער רוח הקודש ביי דעם בית דין פון שלמה המלך . ווארום עס שטייט אין פסוק דער מלך האט געזאגט גיט איר דאס לעבעדיגע קינד אונ איר זאלט איהם ניט הרגנן זיא איז זיין מוטער . איז דאך אקשיא פון וואנען האט שלמה געוואוסט אז דאס איז זיין מוטער . טאמער האט די אשה מיט פליים געבעטן מען זאל דאס קינד ניט צו שניידן מען זאל מיינען אז זיא איז זיין מוטער . דריבער איז ארוים געגאנגען אקול פון הימעל אונ האט געזאגט דאס איז זיין מוטער . האט רבא געזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז דער רוח הקודש איז געוועזן אין דיא דרייא ערטער . טאמער ווייל יהודה האט בערעכנט דיא טעג אונ דיא חדשים ווען ער האט בזעל געוועזן תמרן . האט ער געזעהן נאך דעם רעכענונג אז זיא איז מעוברת פון איהם . אונ ווייל ער האט געזעהן דעם רעכענונג האט ער איהר געגלויבט אבער אז ער וואלט ניט געזעהן דעם רעכענונג וואלט ער איהר ניט געגלויבט . אונ וואס עס שטייט ביי שמואל הנביא ער האט געזאגט איך בין אעדות דאס איז ניט געוועזן דער רוח הקודש . נאר דיא יודין האבען געזאגט מיר זענען עדות . נאר דער פסוק רופט אלע יודין צו זאמען ווייא איין מענטש . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ישראל נושע בה' . ישראל ווערט געהאלפען דורך גאט ושטייט ניט זייא ווערין געהאלפען : נאר ער ווערט געהאלפען . אונ וואס עס שטייט ביי שלמה זיא איז זיין מוטער . דאס האט שלמה אליין געזאגט וניט פון הימעל . ווייל שלמה האט געזעהן אז דיא אשה האט רחמנות אויף דעם קינד . אונ די אנדרע אשה האט ניט רחמנות אויף דעם קינד . נאר זיא הייסט איהם צו שניידען דריבער האט שלמה געזאגט די אשה וואס האט אויף איהם רחמנות דאס איז זיין מוטער . נאר פון דיא פסוקים קען מען מאכי ניט וויסען ווער דאס האט געזאגט . נאר רבי אלעזר האט אזוי געהערט פון זיין רבי אז צדקה תמני ביא יהודה . אונ ויאמר עד ביא שמואל . אונ היא אמו ביי שלמה . דס האט געזאגט אקול פון הימעל :

י דרש . רבי שמלאי האט גידרשת זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות איז געזאגט געווארין צו משה אויף דעם בארג סיני . דרייא הונדערט פינף אונ זעכציג לאוין . געגין די דריי הונדערט פינף אונ זעכציג טעג וואס איז דא אין יאהר . אונ צווייא הונדערט אכט אונ פערציג מצות עשה . געגין דיא צווייא הונדערט אכט אונ פערציג גלידער וואס איז דא אין מענטשן . רב המנונא זאגט דאס ווייכין מיר פון דעם פסוק תורה צוה לנו משה . משה האט אונז געבאטין

מצות

קראה (דברים לג) תורה צוה לנו משה תור"ה בגימטריא (דף כד) שית מאה וחד סרי הוין אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענום. בא דוד והעמידן על י"א דכתיב (תהלים טו) מזמור לדוד ה' מי יגור באהלך מי ישכון בהר קדשך הולך תמים ופועל צדק ודובר אמת בלבבו וגו' הולך תמים זה אברהם דכתיב ביה (בראשית יז) התהלך לפני והיה תמים. ופועל צדק כגון אבא חלקיה. ודובר אמת בלבבו כגון רב ספרא.

לא

היינו דכתיב תורה צוה לנו משה: שתים מפי הגבורה. הרי תרי"ג מצות: מפי הגבורה שמענום. שנא' אחת דבר אלהים שתים זו שמעתי במכילתא: והעמידן על י"א. שבתחלה היו צדיקים והיו יכולין לקבל עול מצות הרבה אבל דורות האחרונים לא היו צדיקים כ"כ ואם באו לשמור כולם אין לך אדם שיזכה ובא דוד והעמידן וכו' כדי שיזכו אם יקיימו י"א מצות הללו וכן כל בעה הדורות שלמטה הולכין ומתמעטין: דרב ספרא. בשאלתות דרב אחאי. ובפי' הרמ"ה כתוב וז"ל מעשה דאבא חלקיה מפורש בתענית דהוה אגיר יומא ואמרו ליה רבנן שלמא ולא אהדר להו אפיה כי היכי דלא ליפגר וכי אתא יהב גלימיה אחד כתפיה ואידי אאידך כתפיה משום דהוה שאולה ולהכי שאולה ליה ולהכי לא שאולה ליה: מעשה דרב ספרא הכי קבלנוה דרב ספרא הוה ליה עסקא לזבוני אתו למזבניה מיניה תבע י' דינרים בגויה לא הוו קא יהבו ליה אלא ה' דינרים לא יהביה ניהלייהו נמחר אתו לוקחים למזבני בי' דינרין אשכחוהו דהוה קרי קריה שמע כיון דחזינהו סבר דלמיתבי ה' קא אתי וגמר בלביה למיתביה ניהלייהו לבתר דסיים אמרו ליה לשקול מר י' אמר להו גמרי לי בדעתאי למיתבי ניהלייהו בחמשה ותו לא מקבלנא מינייהו

טפי

---

מצות וויא פיל דער ווארט תורה בטרעפט. דער ווארט תורה בטרעפט זעקס הונדערט מיט עלף. דאס האבין מיר גיהערט פון משה. אונ נאך צווייא מצות אנכי יי אלהיך. אונ לא יהיה לך אלהים אחרים. האבין מיר גיהערט פון גאט אליין. איז זעקס הונדערט מיט דרייצעהן. דער נאך איז גיקומען דוד המלך אונ האט גימאכט פון דיא זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות נאר עלף. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מזמור לדוד. גאט ווער קען וואוהנען אין דיין גיצעהלט. ווער קען רוהען אויף דיין היילינגען בארג. דער וואס גייט מיט גאנצען הארצין. אונ טוהט גירעכטיגקייט. אונ רעט אמת אזוי וויא ער טראכט אין הארצין. ער גיוויינט ניט זיין צונג צו זאגין רכילות. ער טוהט ניט זיין גוטען פריינד קיין בייז. ער האט ניט גיטראגין קיין שאנד אויף זיין פאמיליע. ער האט ניט גיטאהן אזעלכע זאכין וואס זיין פאמיליע זאל דורך איהם פאר שעמט ווערין. דער וואס איז פארשעמט דורך זיינע עבירות. איז ער אין זיינע אויגין אויך פאר מיאוסט. אונ ער גיט כבוד צו דיא פרומע מענטשין. אפילו ער שווערט זיך אליין שלעכץ צו טאהן איז ער אויך מקיים זיין שבועה. זיין געלט האט ער ניט פאר בארגט אויף פראצענט. אונ ער האט ניט גינומען קיין געלט צו פסקנן פאלשע דינים אונ צו בשולדיגען דעם גירעכטין. דא איז גירעכונט עלף זאכין. דער וואס גייט מיט גאנצקייט. דאס מיינט מען אברהם אבינו. וואס גאט האט צו איהם גיזאגט גייא פאר מיר אונ זייא גאנץ. דער וואס טוהט גירעכטיגקייט אזוי וויא אבא חלקיה האט גיטאהן ווער איז אמאהל גיוועזן פאר דונגען אויף א טאג צו ארבעטין בייא א בעל הבית. ווענען דיא רבנן פאר בייא גיגאנגען נעבין איהם. אונ זייא האבין גיזאגט צוא איהם גוט מארגין. אונ ער האט ניט גיענטפערט אונ ניט געקוקט אויף זייא. ער זאל זיך ניט שטערין פון דיא ארבעט איין מינוט. פארין נאכט ווען ער איז גיגאנגען אהיים האט ער אוים גיטאהן זיין קאפאטע אונ האט זיא גילייגט אויף זיין אקסיל. אונ אויף דעם אנדערין אקסיל האט ער גיטראגין אבינטול האלץ. ווייל דיא קאפאטע איז גיוועזן אגיבארגטע. דריבער האט ער ניט גיוואלט טראגין אויף איהר האלץ. נאר ער האט זיא אוים גיטאהן. ער רעט אמת אזוי וויא ער טראכט אין הארצין אזוי וויא רב ספרא האט גיטאהן ורב ספרא האט גיהאט סחורה צו פאר קויפין. איז איינער גיקומען קויפין בייא איהם דיא סחורה. האט רב ספרא גיוואלט פאר די סחורה צעהן גילדין. מען האט איהם אבער ניט גיוואלט געבין קיין צעהן גילדין. נאר פינף גילדין. האט ער ניט פאר קויפט. אויף מארגין איז דער מענטש גיקומען צוא רב ספרא נעמן די סחורה אונ זאל געבין דיא צעהן גילדין. ווען דער מענטש איז געקומען האט רב ספרא גילייענט קריאת שמע. אונ ווייל רב ספרא האט ניט גיוואוסט וויא פיל דער מענטש וויל איצט געבין. האט ער גימיינט אז דער מענטש וויל איצט אויך ניט מער געבין נאר פינף גילדען. האט רב ספרא גיטראכט אין הארצען ער זאל פאר קויפען פאר דיא פינף גילדען. דער נאך וויא רב ספרא האט אפ

נידאוועגט

לא רגל על לשונו זה יעקב אבינו דכתיב (שם כז) אולי ימושני אבי. לא עשה לרעהו רעה שלא ירד לאומנות חברו. והרפה לא נשא על קרובו זה המקרב את קרוביו. נבזה בעיניו נמאס זה חזקיה מלך יהודה שגירר עצמות אביו על מטה של חבלים. ואת יראי ה' יכבד זה יהושפט מלך יהודה שבשעה שראה ת"ח היה עומד מכסאו ומחבקו ומנשקו וקורא לו אבי אבי רבי רבי מרי מרי. נשבע להרע ולא ימיר כר' יוחנן דאמר ר' יוחנן אהא בתענית עד שאבא לביתי. כספו לא נתן בנשך אפילו רבית נכרי. ושחד על נקי לא לקח כגון ר' ישמעאל ברבי יוסי. וכתיב עושה
אלה

ספי: מעשה דרבי יוחנן דאמר אהא בתענית עד שאבא לביתי להשתמוטי מבי נשיאה הוה עביד: כרבי ישמעאל ברבי יוסי קרי שוחד גרידא לפי שהביא לו אריסו משלו דליכא גזל: ודרבי ישמעאל בן אלישע קרי בנלע מעשקות לפי שהיה משל אחרים ודומה כאילו עושקו ע"כ. עוד כתב הרמ"ה ז"ל בהלא זה המאמר וז"ל הא דנקט כמנין ימות החמה וכנגד אבריו של אדם סימנא בעלמא: מפי הגבורה שמעום אנכי מצוה עשה לקבלו עליו לאלוה ולא יהי' לך מצוה לא תעשה ואע"ג דכתיב וידבר אלהים את כל הדברים האלה וכתיב במשנה תורה את הדברים האלה דבר ה' אל כל קהלכם שמעו קולא בלחוד אבל הבוך האותיות לא שמעו אלא באנכי ולא יהי' וכן מפורש במשנה תורה אנכי עומד בין ה' וביניכם להגיד לכם את דבר ה' וגו': בא דוד והעמידן ויסעיה כו'. לאו למימרא דאי עביד הכי בלחוד זכי לחיי העוה"ב דא"כ בטל עונשן של עבירות ושכרן של מצות אלא מצוה דקיימא לן דמאן דמקיים לה לתורה כולה מסייע ליה הקב"ה ומגין עליה דלא ליתי לידי הרהורא ולא ליזיל להבות עלמא בלא חטא אבל מאן דלא מקיים לה לכולה תורה אע"ג דאית ליה זכות זכיות לא מסייע מן שמיא לאגוני עליה מיצר הרע כדאמרינן בפרק אלו הן וכיון דחזי דוד דהוו ממעטי דרא ואולי בעא רחמי ואוקמינהו לתורה למיגנא מיצר הרע אחד כדי ואתא ישעיה ואוקמינהו אשית והכי מסתברא הולך תמים זה אברהם שהיה נאמן במקום ונבטל דעתו והכמתו אצל המקום כדכתיב ויוצא אותו החוצה אמר ליה לא מאיצטגנינות שלך וכתיב והאמין בה'. אי נמי דאמר ליה הקב"ה קום התהלך בארץ וגו' ובקשתה שרה לא מצא מקום לקוברה ולא הרהר אחר מדותיו של מקום והכי מפרש בפרק השותפין גבי דרשה דמשוע בארץ אמר לפניו רבש"ע הבטחתי בכל העולם ולא מצאתי הם כעבדך אברהם עד כאן לשון הרמ"ה ז"ל נחזור לפי' רש"י: לא רגל על לשונו. לא רגה לבקר מהבלה שאמר אולי ימושני אבי אלא שאמו הכריחו וע"פ הדבור דכתיב עלי קללתך בני ומתרגמינן עלי איתאמר בנבואה דלא ייתן לוטיא עלך ברי: והרפה לא כבל הרפה קרובו: לא כבא על קרובו. נבזה בעיניו נמאס. כנמאס להקב"ה נבזה הוא בעיניו של אדם זה חזקיה שנבזה היה בעיניו אביו בנמאס בע"ז: שגררו במטה של חבלים. גמרא היא ולא קרא: ואפילו נכרי. כדי שלא ימשך ויבא ללוות לישראל ברבית: ושחד על נקי לא לקח. ואפי' שחד שהיה רבאי ליקח: כגון ר"י ברבי יוסי. שהיה
אריסו

---

גידאווענט זאגט דער מענטש צו איהם נאדיר צעהן גילדען אונ גיב מיר דיא סחורה. האט רב ספרא גיזאגט וויל ביי מיר אין הארצען איז שוין געבליבען איך זאל פאר קויפען פאר פינף גילדען וויל איך שוין נישט נעמען מערו. ער האט ניט געוויינט דעם צונג צו זאגען רכילות דס איז גיוועזן יעקב אבינו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יעקב האט גיזאגט צו זיין מוטער רבקה: טאמער וועט מיך מיין פאטער אן טאפען וועט ער וויסען אז איך בין ניט עשו. אונ יעקב האט ניט גיוואלט זאגען צום פאטער אז עשו איז ארשע אונ ער איז ניט ווערט מען זאל אים בענטשין. וויל ער האט ניט גיוואלט ריידען לשון הרע. ער האט ניט גיטאהן זיין חבר קיין שלעכטץ. דאס מיינט מען ער האט ניט אוועק גינומען זיין חברס פרנסה: אונ ער האט ניט פאר שעמט זיין משפחה. נאר ער האט זייא נאך דער נענטערט צו זיך. ער האט זייא גיהאלפען מיט וואס ער האט נאר גיקענט. דער וואס איז פאר שעמט ביי גאט איז ער אין זיינע אויגין אויך גיוועזן פאר מיאוסת. דאס איז גיוועזן חזקיה דער מלך פון יהודה. ער האט גישלעפט דיא ביינער פון זיין פאטער אויף אבעט פון שטריק גיפלאכטען. וויל דער פאטער איז גיוועזן ארשע. ער גיט כבוד צו דיא פרומע מענטשין דאס מיינט מען יהושפט דער מלך פון יהודה. אז יהושפט האט גיזעהן את למיד חכם איז ער אויף גישטאנען פון זיין שטוהל אונ האט ארום גענומען דעם תלמיד חכם אונ האט איהם גיקושט. אונ האט איהם גערופען מיין פאטער מיין רבי מיין האר. אז ער האט גישווארין אפילו זיך שלעכטין צו טאהן האט ער זיין שבועה מקיים גיוועזן. אזוי וויא רבי יוחנן האט גיזאגט איך וועל פאסטין ביז איך וועל קומען אהיים. האט ער זיין שבועה מקיים גיוועזן. זיין געלט האט ער ניט פאר בארגט אויף פראצענט אפילו ביי אגוי האט ער אויך ניט גינומען פראצענט. אונ ער האט ניט גינומען קיין געלט צו פסקנן פאלשע דינים אזוי וויא רבי ישמעאל ברבי יוסי ודער ארים ודער פעלד ארבעטער) פון רבי ישמעאל ברבי יוסי פלעגט ברייענגען צו רבי ישמעאל אקארב פרוכטען אלע ערב שבת. אמאהל האט ער ניבריינגט דעם קארב פרוכטען דאנערשטאג. האט רבי ישמעאל ביא איהם גיפרעגט פר
וואס

הריסו מכיח לו מבלו קודם אזנו ולא רצה ליקח כדי לביות דיין: בבצע מעשקות. שלא רצה ניטול לעצמו ואליו הגזבכניה לו הרב אחד בכיס בל לדון לפניו אע"ג דהוה כהן רבי ישמעאל: גן הגיבע מ"וס דדמי כאילו עבק לכהן שהיה רגיל א' ליתן לו מהכוהן: אוטם אזנו משמוע דמים. אזנו אטומה וכהומה כדבר זה שלא ישמע בה דבר גנאי ובקיק כ' נו דמים לבן שתיקה: כגון רבי אלעזר ברבי שמעון בהסוכר את הפועלים דנפק ליהבא מהודמה ואתאה נלתפיה בהכמה ואמר במפיה גדולה דהאי מרבנן ולא מהאי כדמירכני לי לאמה כחיין היה רגיל לדקדק נכך ונפיכך הקפיד

אלה לא ימוט לעולם. וכשהיה רבן גמליאל מגיע למקרא הזה היה בוכה אמר מאן דעביד כולהו הוא דלא ימוט הא דעביד חדא מניהו ימוט (אמר ליה ר' עקיבא אלא מעתה) אל תטמאו בכל אלה בכולהו אין בחדא מיניהו לא אלא בכל אלה באחת מכל אלה ה"נ עושה אלה אחת מאלה. בא ישעיה והעמידן על שש שנאמר (ישעיה לג) הולך צדקות ודובר מישרים וגו' הולך צדקות זה אברהם דכתיב (בראשית יח) כי ידעתיו וגו' לעשות צדקה ומשפט. ודובר מישרים זה שאינו מקניט פני חברו ברבים. מואס בבצע מעשקות כגון ר' ישמעאל בן אלישע. נוער כפיו מתמוך בשחד כגון רבי ישמעאל בר' יוסי. אוטם אזנו משמוע דמים כגון ר' אלעזר ברבי שמעון דלא שמיע ליה בזילותא דרבנן ושתיק. ועוצם עיניו מראות

---

וואס האסטו היינט גיבריינגט דאנערשטאג. האט דער ארים געענטפערט ווייל איך האב היינט בייא וויא גידארבט אהער קומען ווארום איך האב מיט איינעם אדין תורה. האב איך זיך גיטראכט אין איין וועג וועל איך שוין מיט נעמען דעם קארב פרוכטען. האט רבי ישמעאל גיזאגט ווייל ביי דער דין תורה האסטו מיר גיברייגגט אקארב פרוכטען אפילו זיי וועגען מיינע וויל איך שוין ניט זיין אדיין בייא דיין דין תורה. טאמער וועט מיין הארץ וועלען דיך גירעכט באכען. אונ עס שטייט אין פסוק דער וואס טוהט דיא זאכען וועט ער זיך קיין מאהל ניט אויס גליטשען. אז רבן גמליאל פלעגט קומען צו דעם פסוק פלעגט ער וויינען. ער האט גיזאגט דער וואס טוהט דיא אלע עלף זאכען וועט זיך ניט אויס גליטשען. אבער אז ער טוהט נאר איינע פון דיא עלף זאכען וועט ער זיך יא אויס גליטשען. האט רבי עקיבא גיזאגט צו רבן גמליאל עס שטייט אין פסוק איזר זאלט אייך ניט מטמא זיין אין דיא אלע זאכען. וועסטו אויך זאגען אין אלע זאכען טאר מען זיך ניט מטמא זיין. אבער אין איינע פון די זאכען מעג מען זיך יא מטמא זיין. נאר געוויס מיינט מען דוא זאלסט זיך ניט מטמא זיין אין דיא אלע זאכען. אפילו אין איינע פון דיא אלע זאכען אויך ניט. דא מיינט מען אויך אזוי דער וואס טוהט דיא זאכען. אפילו איינע פון דיא אלע זאכען ווער עס טוהט. וועט זיך אויך ניט אויס גליטשען. דער נאך איז גיקומען דער נביא ישעיהו אונ האט גימאכט פון דיא זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות נאר זעקס. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הולך צדקות. ער גייט מיט פרומקייט. דאס איז גיוועז אברהם אבינו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט איך האב ליב אברהם ווייל ער וועט פאר באטען זיינע קינדער זייא זאלען טאהן צדקה אונ משפט. דובר מישרים. ער רעט גלייכע רייד. דאס מיינט מען ער דער צערינט ניט זיין חבר ווען ער איז צווישען פיל מענטשין. מואס בבצע מעשקות. ער פאר מיאוסט גירויבטע געלט. דאס מיינט מען אזוי וויא רבי ישמעאל בן אלישע ווייל איינער האט אמאהל גיברייגגט דיא ערשט גישוירענע וואל צו רבי ישמעאל בן אלישע ווארום דער דין איז דיא ערשטע וואל וואס מען שערט פון דיא שעפסין דארף מען געבין צום כהן. אונ רבי ישמעאל בן אלישע איז גיוועזן א כהן. האט רבי ישמעאל ניט גיוואלט נעמען. ווייל ביז איצט פלעגט דער מענטש געבין דיא מתנה צו איין אנדער כהן. זעהט דאס אויס וויא רבי ישמעאל גזלת דיא מתנות פון יענעם כהן. נוער כפיו מתמוך בשחד. ער שאקערט אפ זיינע הענט פון צו נעמען געלט פון דיא מענטשין וואס קומען צו איהם האבען אדין תורה. אזוי וויא רבי ישמעאל ברבי יוסי האט גיטאהן. אזוי וויא עס שטייט פריער. אוטם אזנו משמוע דמים. זיין אויער איז פאר מאכט פון צוא הערין שענדליכע רייד אויף אתלמיד חכם אונ ער זאל שווייגען ודמים איז דער טייטש שווייגען. אזו

וויא

מראות ברע כדרבי חייא בר אבא דא"ר חייא בר אבא זה שאין מסתכל בנשים בשעה שעומדות על הכביסה וכתיב הוא מרומים ישכון מצדות סלעים משגבו לחמו ניתן מימיו נאמנים. בא מיכה והעמידן על שלשה שנאמר (מיכה ו) הגיד לך אדם מה טוב ומה ה' דורש ממך כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלהיך. עשות משפט זה הדין. ואהבת חסד זו גמילות חסדים. והצנע לכת זה הכנסת כלה והוצאת המת. והלא דברים ק"ו ומה דברים שאין דרכן לעשות בצנעה אמרה תורה והצנע לכת. דברים שדרכן לעשות בצנעה עאכ"ו. חזר ישעיהו והעמידן על שתים שנאמר (ישעיה נו) כה אמר ה' שמרו משפט ועשו צדקה. בא עמוס והעמידן על אחת שנאמר (עמוס ה) כה אמר ה' לבית ישראל דרשוני וחיו מתקיף לה רב נחמן ודלמא דרשוני בכל התורה כולה אלא בא חבקוק והעמידן על אחת שנאמר (חבקוק ב) וצדיק באמונתו יחיה:

הקב"ה על אותו פעם שלא מיתה: זה הוצאת המת והכנסת כלה. דכתיב טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה: כל ישעיה בן אמוץ. כל שעה היו הדורות מתמעטין:

---

ווי רבי אלעזר ברבי שמעון אז ער פרעגט הערן מען פאר שעמט אתלמיד חכם פלעגט ער ניט שווייגען. נאר ער פלעגט יענעם בשטראפין. וועצם עיניו מראות ברע. ער פאר מאכט זיינע אויגען ער זאל ניט זעהן קיין שלעכץ. אזוי ווי רבי חייא בר אבא האט גזאגט דס מיינט מען דעם מענטש וואס ער קוקט ניט אויף די ווייבער ווען זיי שטייען אין טייך אונ וואשין זייערע וועש. אויף דעם מענטש וואס טוהט די זעקס זאכען האט ישעיה הנביא גזאגט ער וועט רוהען גאנץ הויך. זיין שטארקייט וועט זיין אזוי ווי אין אפעסטונג פון שטיינער. זיין ברויט וועט אים גיגעבין ווערין. זיינע קוואלין וועלין ריכטיג געבין זייערע וואסער. דער נאך איז גיקומען דער נביא מיכה אונ האט גימאכט פון די זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות נאר דריי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק האט דיר א מענטש גזאגט וואס גוט איז אונ וואס גאט פארשט פון דיר. נאר דוא זאלסט טאהן משפט. אונ זאלסט ליב האבען צוא טאהן חסד. אונ דוא זאלסט גיין בעהאלטין מיט גאט ופון דיינע אלע פרומקייט. זאל קיינער ניט וויסען נאר גאט. דוא זאלסט טאהן משפט מיינט מען ער זאל פסקנן אאמתה דין תורה. דוא זאלסט ליב האבען חסד מיינט מען דוא זאלסט טאהן טובות צו מענטשין מיט דיין גוף אונ מיט דיין געלט. אונ דוא זאלסט גיין בעהאלטין מיט גאט מיינט מען אז דוא וועסט העלפין אארעמע כלה זיא זאל התונה האבען. אדער דוא וועסט העלפין אארעמען מת אויף תכריכין אונ מען זאל איהם בגראבען. זאל קיינער נישט וויסען פון דעם נאר גאט אליין. וועלין מיר לערנען אקל וחומר. מאדאך אז מען דארף העלפין אארעמע כלה אדער אטויטען צו בגראבען. וואס דיא זאכען איז נישט דער שטייגער זייא זאלן גיטאהן ווערין אין דער שטיל. פון העסטוועגין האט דיא תורה גזאגט מען זאל גיין מיט דיא זאכען בעהאלטין. דיא צדקות וואס עס איז דער שטייגער זייא זאלין גיטאהן ווערין אין דער שטיל. איז דאך געוויס אז זייא דארפין גיטאהן ווערין אין דער שטיל. דער נאך האט ישעיה גימאכט פון דיא זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות נאר צוויי: אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גזאגט איר זאלט היטען צוא פסקנן אמתה דין תורות. אונ איר זאלט טאהן צדקה. דער נאך איז גיקומען דער נביא עמוס האט גימאכט פון דיא זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות נאר איינע: אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי האט גזאגט גאט צו די יודין פארשט מיך וועט איר לעבין. האט רב נחמן גיפרעגט טאמער מיינט מען איר זאלט מיך פארשטין מיט דער גאנצע תורה. נאר אזוי זאג חבקוק איז גיקומען אונ האט גימאכט פון אלע מצות נאר איינע. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער צדיק וועט לעבין דורך זיין גלויבונג. אמענטש דארף נאר גלויבין אז גאט האט בשאפען דיא גאנצע וועלט אונ אז גאט גיט אכטונג אויף דער וועלט. אונ נאך אזעלכע זאכען וויא עס שטייט אין דער תורה א נ נביאים אונ מוסר ספרים:

**יא אמר** ר' יוסי ברבי חנינא ד' גזירות גזר משה על ישראל ובאו ארבעה (זקנים) [נביאים] ובטלום משה אמר (דברים לג) וישכן ישראל בטח בדד עין יעקב בא עמוס ובטלה שנאמר (עמוס ז) חדל נא מי יקום יעקב כי קטן הוא וכתיב (שם) נחם ה' על זאת גם היא לא תהיה אמר ה' אלהים. משה אמר (דברים כח) ובגוים ההם לא תרגיע בא ירמיה ובטלה דכתיב (ירמיה לא) הלוך להרגיעו ישראל. משה אמר (שמות לד) פוקד עון אבות על בנים בא יחזקאל ובטלה שנא' (יחזקאל יח) הנפש החוטאת היא תמות. משה אמר (ויקרא כו) ואבדתם בגוים בא ישעיה ובטלה שנאמר (ישעיה כז) והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור וגו' אמר רב מסתפינא מהאי קרא ואבדתם בגוים מתקיף לה רב פפא ודלמא כאבדה המתבקשת שנאמר (תהלים קיט) תעיתי כשה אובד בקש עבדך אלא מסיפיה דקרא (ויקרא כו) ואכלה אתכם ארץ אויביכם מתקיף לה מר זוטרא ואיתימא רב אשי ודילמא כאכילת קשואין ודלועין:

**פירוש**

חדל נא. אותה ברכה שאמר משה וישכון ישראל וגו' כלומר אימתי ישכון ישראל בטח כשיהיו צדיקים כעין יעקב: מי יקום יעקב. שיוכל לשאת הסיר כיעקב: כי קטן הוא. קטנים הם בטובים שיהיו צדיקים כיעקב: הלוך להרגיעו ישראל. שיהא להם מנוחה בגלותן: בשופר גדול. וגו' ובאו האובדים בארץ אשור מלמד שלא יהיו אובדים בין האומות: כאבדה המתבקשת. ונמצאת לאחר זמן: כאכילת קשואים. שאוכלין מקצתם ומקצתם אין אוכלים: (כאכילת קשואין. שמשליך אדם הקליפות):

---

**יא אמר**. רבי יוסי ברבי חנינא האט גזאגט פיר גזרות האט משה גזור גיוועזן אויף יודין דער נאך זענען גיקומען פיר נביאים אונ האבען מבטל גיוועזן דיא פיר גזרות: משה האט גזאגט יודין זאלן רוהען זיכער אליין. אונ נאר ווען. אויב זייא וועלין זיין צדיקים. אזוי ווי דיא אויג פון יעקב האט אויף זייא גיקוקט, איז גיקומען דער נביא עמוס אונ האט מבטל גיוועזן דיא ברכה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עמוס האט גזאגט צו גאט פאר מייד זיך פון משה׳ס ברכה קענען דען יודין זיין אזוי פרום וויא יעקב האט גיוואוסט: יודין זענען קליין אין פרומקייט. אונ עס שטייט אין פסוק גאט האט חרטה גיהאט אויף דעם. דאס וועט אויך ניט זיין האט גזאגט גאט. משה האט גזאגט צו דיא יודין אין דיא פעלקער וואו דוא וועסט פאר טריבען ווערין וועסטו ניט רוהען. איז גיקומען דער נביא ירמיה אונ האט מבטל גיוועזן דיא גזרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ירמיה איז גיגאנגען ברוהיגען דיא יודין ווייא זאלין וואוהנען רוהיג אין גלות. משה האט גזאגט גאט גידיינקט דעם זינד פון דיא פאטערס אויף דיא קינדער. איז גיקומען דער נביא יחזקאל אונ האט דאס מבטל גיוועזן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא נשמה וואס וועט זינדיגען. זאל זיא שטארבען פאר אירע זינד. אבער איינער זאל ניט שטארבען פאר דעם אנדערינס זינד. משה האט גזאגט צו דיא יודין איר וועט פארלארין ווערין צווישען דיא פעלקער. איז גיקומען דער נביא ישעיה אונ האט דאס מבטל גיוועזן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אונ עס וועט זיין אין דעם טאג וואס משיח וועט קומען וועט גיבלאזין ווערין מיט א גרויסען שופר אונ עס וועלין קומען דיא יודין וואס זענען גיוועזן פארלארין אין דעם לאנד אשור. רב האט גזאגט איך האב מורא פאר דעם פסוק וואס משה האט גזאגט איר וועט פארלארין ווערין צווישען דיא פעלקער. האט רב פפא גיפרעגט טאמער מיינט מען אזוי וויא א זאך וואס ווערט פארלארין אונ מען זוכט איר ביז זיא ווערט גיפונען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד המלך הט גזאגט איך בין פאר בלאנדזעט גיווארן וויא א פארלארענע שעפס איך בעט דיך דוא זאלסט זוכען דיין קנעכט. אונ משה רבינו האט אויך אזוי גימיינט. דיא יודין וועלין זיין פארלארין צווישען די פעלקער ביז גאט וועט זיי אויס לייזן. נאר אויף דעם סוף פסוק דארפין מיר זארגין. די לאנד פון אייערע פיינד וועט אייך פר לענדין. האט מר זוטרא גיפרעגט אנדערע זאגין רב אשי הט גיפרעגט טאמער מיינט מען אזוי וויא מען עסט קישואין אונ דלועין וואס איז אזעלכע ערד פרוכטין וואס וואקסען אין ארץ ישראל. אביסעל פון די פרי עסט מען אונ אביסעל ניט. אזוי וועט זיין מיט דיא יודין אין גלות. אביסעל פון זיי וועלין פר לענדט ווערין. אונ אביסעל וועלין בלייבען אונ אויס גילייזט ווערין:

וכבר

**יב וכבר** היה רבן גמליאל ור׳ אלעזר בן עזריה ור׳ יהושע ור״ע מהלכין בדרך ושמעו קול המונה של בבל מפלטיה ברחוק מאה ועשרים מיל התחילו הם בוכים ור׳ עקיבא משחק אמרו לו עקיבא למה אתה משחק אמר להם לכה אתם בוכים אמרו לו עכו״ם הללו שמשתחוים לעצבים ומקטרים לאלילים יושבים בטח ושלוה והשקט ואנו בית הדום רגלי אלהינו שרוף (ע״ב) באש ולא נבכה אמר להם לכך אני משחק אם לעוברי רצונו כך לעושי רצונו עאכ״ו. שוב פעם אחת היו עולין לירושלים כיון שהגיעו להר צופים קרעו בגדיהם כיון שהגיעו להר הבית ראו שועל שהיה יוצא מבית קדשי הקדשים התחילו הם בוכים ור״ע משחק אמרו לו עקיבא מפני מה אתה משחק אמר להם מפני מה אתם בוכים אמרו לו מקום שכתוב בו (במדבר ה) והזר הקרב יומת עכשיו נתקיים בו (איכה ה) על הר ציון ששמם שועלים הלכו בו ולא נבכה אמר להם לכך אני משחק דכתיב (ישעיה ה) ואעידה לי עדים נאמנים את אוריה הכהן ואת זכריה בן יברכיהו וכי מה ענין אוריה אצל זכריה והלא אוריה במקדש ראשון וזכריה במקדש שני אלא תלה הכתוב נבואתו של זכריה בנבואתו של אוריה. באוריה כתיב (מיכה ג) לכן בגללכם ציון שדה תחרש וירושלים עיין תהיה והר הבית לבמות יער. בזכריה כתיב

---

יב וכבר. רבן גמליאל און רבי אלעזר בן עזריה און רבי יהושע און רבי עקיבא זענען אמאהל געגאנגען אין וועג. ווי זייא זענען געקומען הונדערט מיט צוואנציג תחום שבת ווייט פון בבל. האבען זייא געהערט דאס ברומונג פון פיל מענטשען וואס זייא דער ציילען דם גרוסע גליק וואס בבל האט. האבען רבן גמליאל און רבי אלעזר און רבי יהושע אנגיהויבען צו וויינען און רבי עקיבא האט געלאכט. האבען זייא געזאגט צו רבי עקיבא פר וואס לאכסטו: האט רבי עקיבא צו זייא געזאגט פאר וואס וויינט איר. האבען זייא געזאגט צו רבי עקיבא אז מיר זעהן דיא גוים וואס בוקען זיך און רייכערין קטורת צו דיא עבודה זרה. זיצען זיכער און רוהיג און שטיל. און ביי אונז איז דער בית המקדש פר ברענט אין פייער: זאלען מיר ניט וויינען. האט רבי עקיבא צו זייא געזאגט דריבער לאך איך. מאראך צו דיא רשעים גיט גאט אזוי פיל שכר. צו דיא יודין ווייא פיל שכר וועט גאט געבען. געוויס טויזענדער מאהל אזוי פיל. נאך אמאהל האט געטראפען אז דיא פיר תנאים זענען געגאנגען אין ירושלים. ווי זיי זענען געקומען צום בארג צופים האבען זייא צוריסען זייערע קליידער ווייל זייא האבען געזעהן דער בית המקדש איז פאר ברענט. ווי זייא זענען געקומען צו דעם בארג וואס אויף איהם איז געשטאנען דער בית המקדש. האבען זייא געזעהן אפוקס גייט ארויס פון קדשי קדשים. האבען זייא אן געהויבען צו וויינען. און רבי עקיבא האט געלאכט. האבען זייא געזאגט צו רבי עקיבא פר וום לאכסטו. הט רבי עקיבא צו זיי געזאגט פר וום וויינט איר. האבען זייא געזאגט צו רבי עקיבא דער ארט ווס אויף איהם זאגט דער פסוק אז אפרעמדער וניט אכהן גדול וועט דארט קומען וועט ער שטארבן: איצט איז אויף דעם ארט מקוים געווארן דער פסוק דער בארג ציון וועט זיין וויסט פיקס וועלין דארט ארומגיין. זאלין מיר ניט וויינען. האט רבי עקיבא צו זייא געזאגט דריבער לאך איך. ווארום עס שטייט אין פסוק איך האב גענומען צו מיר בגלויבטע עדות דעם אוריה הכהן און דעם זכריה בן יברכיהו. איז דאך אקשיא וויא קומט אוריה צו זכריה. אוריה איז דאך געווען ביי דעם ערשטין בית המקדש און זכריה איז דאך געווען ביי דעם אנדערין בית המקדש. נאר דער פסוק הט אן געהאנגען דיא נביאות פון זכריה אן דיא נביאות פון אוריה. אז דיא נביאות פון אוריה וועט מקוים ווערין. וועט דיא נביאות פון זכריה אויך מקוים ווערין. אוריה האט נביאות געזאגט צו דיא יודין פון אייערט וועגין וועט ציון צו אקערט ווערין וויא אפעלד. און אין ירושלים וועט זיין בערג פון דיא איינגעפאלענע הייזער. און דער בארג וואס אויף איהם איז דער בית המקדש געשטאנען וועט ער זיין אזוי וויא דיא בערג וואס זענען אין אוואלד. און זכריה הט נביאות געזאגט

עס

כתיב (זכריה ח) עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים. עד שלא נתקיימה נבואתו של אוריה הייתי מתירא שמא לא תתקיים נבואתו של זכריה עכשיו שנתקיימה נבואתו של אוריה בידוע שנבואתו של זכריה מתקיימת. ובלשון הזה אמרו לו עקיבא נחמתנו עקיבא נחמתנו (ה' ינחמנו אמן):

# סליק מסכת מכות

---

עס וועלין נאך זיצען אלטע מאנען אונ אלטע ווייבער אין די גאסען פון ירושלים. איידער עס איז מקוים געווארען דיא נביאות פון אוריה. האב איך מורא געהאט טאמער וועט דיא נביאות פון זכריה אויך ניט מקוים ווערין. אבער איצט אז דיא נביאות פון אוריה איז מקוים געווארען. ווייס איך געוויס אז די נביאות פון זכריה וועט אויך מקוים ווערין. אונ אזוי האבען געזאגט רבן גמליאל אונ רבי אלעזר בן עזריה אונ רבי יהושע צו רבי עקיבא. עקיבא דו האסט אונז געטרייסט. עקיבא דו האסט אונז געטרייסט וואט זאל אונז אויך טרייסטען אמן: